STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02388

DOS BUKH UN DER LEZER

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאס בוך
און
דער לעזער

זאמעלבוך.

רעדאגירט דורך אַ קאלעגיום שריפטשטעלער.

פערלאג א. גיטלין בוכהאנדלונג,
ווארשא, נאלעווקי (איוואנאווסקי באזאר №1).

ווארשא, תרע"א.

דרוק „הצפירה" פאנסקא 40.

Изд. Книж. Магаз. Э. ГИТЛИНА,
Варшава, Налевки (Ивановскій Базаръ № 1).

Тип. „Гацефира", Панская 40.

אינהאלט:

שלום אַש: בילדער פֿון אַלטען ארץ-ישראל: I אויפ'ן וועג קיין בית-לחם; II דער לעצטער מעמד .	5– 21
מ' טייטש: ליעדער	22– 25
פּרץ הירשביין: וואַנדערער-טרוימען . . .	26– 29
מ. טייטש: *** (ליעד)	30
אסתר זיידלער: *** (ליעד)	31
ה. ד. נאָמבערג: קריטיקער און עסטעטיקער . .	32– 39
פֿון יאַפּאַנישען: די גאַסען-זינגערין . . .	40– 46
ר. רוטשיק: א רומעניש-ליעד	47– 48
משה טייטש: צו דער זון	49– 55
אפרים קאַנאַנאָווסקי: מיידלעך . . .	56– 66
פֿון יאַפּאַנישען: האַקאַטאַ	67– 76
י. י. טרונק: דער ים	77– 88
א. ח. שעפּס: יוגענד (ליעד)	89
〃 *** 〃	90
י. ס. ווייסענבערג: רב יואל (פּיעסע) . . .	91–122

שלום אש.

בילדער פֿון אַלטען ארץ־ישראל.

I.

אויפ׳ן וועג קיין בית־לחם.

אויף דעם וועג קיין בית=לחם איז געגאַנגען אַ יונגע מיידעל. עס איז געווען שבת=ביי=נאַכט. פֿון אַ ווייט שטעדטעל אין גליל איז זי אָנגעקומען און צו איהר קרובה קיין בית=לחם האָט זי זיך געאיילט. אין ירושלים האָט זי שבת געהאַלטען. און גלייך מיט דער נאַכט, ווי עס האָבען זיך נאָר די ערשטע ליכט אין די פֿענסטער פֿון די ירושלימ׳ער הייזער געוויזען, איז זי אַליין אויפ׳ן וועג אַרויסגעגאַנגען. דער וועג פֿון ירושלים קיין בית=לחם איז ניט ווייט, און זי האָט גערעכענט אין איינעם מיט׳ן מאָרגענשטערען, ווען דער ערשטער פּאַסטוך וועט זיין סטאַדע שאָף אין פֿעלד אַרויספֿיהרען, וועט זי איהר קרובה׳ס הויז דערגרייכען.

פֿאַר גזלנים אויפ׳ן וועג האָט זי ניט געהאַט וואָס צו שרעקען זיך; דער וועג פֿון ירושלים קיין בית=לחם איז זעהר בעלעבט. דאָרט פֿיהרען די מ׳חרים אויף די קעמלען זייער תבואה פֿון דער רייכער בית=לחמ׳ער געגענד, פֿון די פֿעטע חברונ׳ער גערטנער קיין ירושלים אויף דעם מאַרק, וואָס געפֿינט זיך הינטער דעם בית=המקדש=מויער.

אויף דעם וועג קומען אַלע גליל׳ער און יריחו׳ער זייערע קרבנות אין בית=המקדש צו ברענגען. אַלע שלוחים, וואָס דער ירושלימ׳ער סנהדרין שיקט אַרויס איבער ארץ=ישראל און אין די גליל=פּראָווינצען, געהען איבער דיזען וועג, און נאָך הורדוס׳ען, וועלכער האָט די וועג=גזלנים אויסגעפֿאַנגען, זענען אין גאַנץ יהודה

די וועגען געוועזן רוהיג. איבעריגענס, איז איהר גאַנג געווען זעהר אַ וויכטיגער. אין ירושלים האָט זי ניט געקאָנט בלײַבען; זי האָט ניט געהאַט דאָרט קײַן קרובים, זי האָט ניט געהאַט קײַן גוטע־פֿרײַנד. שבת האָט זי זיך אויפֿגעהאַלטען אין הויף פֿון בית־המקדש, האָט זי דערזעהען אַ רײַכע פֿרוי און האָט זי צו קידוש־השבת מיט זיך אַהיים גענומען. זי האָט זי איך געוואָלט פֿערהאַלטען איבער נאַכט, זי האָט אָבער ניט געוואָלט. זי האָט געפֿיהלט, אַז די צײַט קומט־אָן... און איהר קינד מוז דאָך אין בית־לחם געבוירען ווערען.

און דער וועג איז בעלויכטען געווען. עס איז געווען דער מולד פֿון חודש; צוויי שלוחים זענען אָנגעקומען פֿון אַ נאָהענטען דאָרף און האָבען עדות געזאָגט, אַז די לבנה האָט זיך בעוויזען. און טאַקע די זעלבע נאַכט האָט זיך די לבנה געזעהען אין דעם בית־המקדש־הויף. האָבען די סנהדרין שלוחים איבער די פּראָווינצען געשיקט, און מען האָט טונען מיט סמאָלע איבער די וועגען אויף די בערגער אָנגעצונדען; פֿון איין באַרג צום צווייטען האָבען די ליכטיגע פֿלאַמען איבער'ן וועג געלויכטען און צו־וויסען געגעבען די יודען אין די דערפֿער און אין די שטעדט פֿון גאַנץ יהודה, גליל און יריחו. און גאַנץ ארץ־ישראל האָט נאָך געוואוסט אין די זעלבע נאַכט, אַז אין ירושלים האָבען די סנהדרין אָנגענומען קידוש־החודש.

דאָס מיידעל איז געגאַנגען אונטער דיזער בעלײַכטונג און אַ שטילע, ערנסטע פֿרייד האָט אָנגעפֿילט איהר האַרץ. זי איז געווען, ווי אַנ'אַיינגעשלאָפֿענע בת־מלכה, וואָס געהט אין חלום. זי האָט ניט געוואוסט, אויב איהר קרובה אין בית־לחם, צו וועמען זי געהט יעצט, און וועמען זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהען, צי זי וועט זי מקרב זײַן אָדער ניט; זי האָט וועגען דעם ווי אין חלום געטראַכט. די פֿלאַמען פֿײַער, וואָס האָבען געברענט אויף די בערג, און די גרויסע ליכטיגע שטערען, וואָס האָבען בעשאָטען דעם גאַנצען גרויסען ליכטיגען הימעל און האָבען זיך געריבען איינער אָן צווייטען, און זענען געהאַנגען נאָר אַזוי ווי אַראָפּצופֿאַלען, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס גיסט אַ רעגען פֿון שטערען פֿון הימעל אַראָב; און די יונגע לבנה, וואָס האָט זיך געבאָדען און געשוואומען צווישען ליכטיגע ביימען, האָט אַלעס בעגאָסען מיט אַזוי פֿיעל ליכט

און ברכה, אַז די גאַנצע וועלט, האָט זיך געדאַכט, באָדט זיך אין ליכט און שטערען — דאָס אַלעס האָט זעהר לייכט געמאַכט איהר האַרץ, און איהר איז גוט געווען. נאָר דאָס מיידעל, ווען עס פיהלט אין זיך די פרוכט, נאָר די ערד, ווען זי ציהט פון זיך דאָס בליהעכץ אַרויס, קאָן אַזוי שטיל און רוהיג גליקליך זיין...

די גאַנצע וועלט האָט, ווי מיטגעפיהלט איהר גליק. עס איז געווען סוף ווינטער אין ארץ-ישראל. אַלע גריבער זענען פול געווען מיט וואַסער, די ערד האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט וואַסער און געהאַט אין זיך דעם קאָרן פון גאָט, און ווי אַ יונג, יונג ווייבעל, וואָס פיהלט, אַז זי וועט פון דעם זוימען אַ מוטער ווערען, האָבען די פעלדער פון יהודה געהילט זיך אין ליכטיגע וואָלקען און די לייכטע לעבעדיגע ערד-לייכען האָבען אַרייגעטרונקען אין זיך דאָס ליכט פון די שטערען. די ערד האָט זיך געשפּאָלטען און פון די שפּאַלטען זענען פאַרעס אַרויסגעגאַנגען און די פאַרעס האָבען זיך געוויקעלט אַרום די ערד. פון הימעל איז אַ ליכטיגער וואָלקען-טוי געפאַלען און האָט זיך שווער געלעגט איבער בארג און טהאָל, געקייקעלט זיך פון איין פלעק ערד צום צווייטען, און די גאַנצע ארץ-ישראל-ערד האָט זיך אויסגעלעגט געגען דעם אויסגעשטערנטען הימעל און האָט געטרונקען מיט אָפענעם מויל דאָס שטערען-ליכט און דאָס וואָלקען-ליכט אין זיך אַריין, און זי איז טראָגענדיג געוואָרען פון דעם ליכט...

פון דערווייטענס האָט זיך געהערט דאָס קלינגען פון גלעקלעך. דאָס האָט אַ סוחר קעמלען אָנגעלאָדען מיט סחורה, געפיהרט אויפ'ן וועג, און דער שווערער טריט פון די קעמלען, און דער קלאַנג פון די גלעקלעך אויף די קעמלען-העלזער, האָבען דער ליכטיגער נאַכט און דעם שטילען וועג אָנגעזאָגט: „מיר פיהרען סחורה, מיר פיהרען סחורה“. עס האָט אויך געפינקעלט דאָס ליכט פון די לאַנטערנעס פון צוויי סנהדרין-שלוחים, וואָס זענען געגאַנגען מיט אַ גט פון אַ מאַן צו אַ ווייב למדינת-הים.

עס האָט זיך געהערט אַ פלינקער עזעל-טראָט. בעגלייט מיט אַ דין תהלים-געזאַנג; דאָס האָט אַ בית-לחמ'ער בחור, וואָס האָט שבת ביי זיין כלה אין ירושלים געהאַלטען, צו זיין סטאַדע שאָף געאייַלט, זיי אויף די בית-לחמ'ער פעלדער צו פיהרען.

דאָס מײדעל איז זײ אין דער שטיל נאָכגעגאַנגען, און האָט פֿאַר גליק יעדען פֿון זײ אין האַרצען געבענשט. דער שװערער קעמלען־טראָט, דאָס לאַנטערן־ליכט פֿון די גאָט־שלוחים און דעם בחור׳ס דינער קול האָט זי צום לאַכען גערײצט. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז די שטערען פֿון הימעל שמײכלען צו זײ און װינשען זײ, װי זי, אַ „גאָט־בעגליק״ צו.

נאָר באַלד האָט זי בעמערקט פֿון דערװײטען, װי דאָס ליכט פֿון די גאָט־שלוחים האָט זיך אין מיטען װעג אָפּגעשטעלט, עס איז אױך דאָרט פֿערשטומט געװאָרען דאָס שװערע קעמלען־טראָט און דעם בחור׳ס געזאַנג. זי האָט געװאוסט, אַז דאָס האָבען זײ זיך אָפּגעשטעלט בײ דער מוטער רחל׳ס קבר, װאָס איז דאָרטען אױפ׳ן װעג, אַ תחום־שבת פֿון בית־לחם, װאו יעדער פֿערבײגעהער שטעלט זיך אָפּ. און אַ ציטערנדע פֿרײד האָט דאָס מײדעל אינגאַנצען אַרומגענומען, זי האָט זיך געפֿיהלט, װי זי װאָלט הינטער אַ מאַמע׳ס אַ שװעל געשטאַנען, װעלכע װעט זי אַרײַנגעהמען צו זיך, בעהאַלטען זי אונטער איהרע הענד, און װעט זיך אַזױ־אַזױ מיט־פֿרעהען מיט איהר גליק. זי איז פֿון דערװײטענס אונטער אַ בױם שטעהן געבליבען, אָפּגעװאַרט ביז די אַנדערע װעלען פֿערלאָזען דער מאַמע׳ס קבר, און זי װעט קאָנען מיט רחל׳ען אַלײן זײן. און באַלד טאַקע האָט אין דער נאַכט געהערט זיך דער טריט פֿון די קעמלען, דאָס קלינגען פֿון די גלעקלעך, און דאָס לאַנטערן־ליכט האָט װידער אָנגעהױבען צו פֿינקלען. דאַן איז זי מיט שטילע טריט און מיט גרױס פֿרײד־ציטערניש צוגעלאָפֿען, און איהרע הענד האָבען אַ קאַלטען שטײן געהאַלזט און איהרע ליפּען קאַלטע ערד געקושט:

— מאַמע! מאַמע! מאַמע!

זי האָט דעם שטײן גאָר־נישט בעדאַרפֿט זאָגען, זי האָט געפֿיהלט, אַז די מאַמע רחל װײסט פֿון אַלעס; איהר האָט זיך געדאַכט, אַז דער שטײן שטרעקט אױס זײנע הענד און דריקט זי צו זיך.

און זי האָט איהרע ליפּען אין ברוכט אין שטײן אײנגעגראָבען און געמורמעלט:

„איך בין גליקליך, מאַמע, איך בין גליקליך!״

זי האָט געפֿיהלט, אַז דער שטיין ליעבט זי, אַז דער שטיין פֿרעהט זיך מיט איהר גליק. עס איז דאָס דער מאַמע׳ס רחל׳ס קבר. אויפֿ׳ן וועג האָט מען זי בעגראָבען, ניט מיט׳ן מאַן אין דער מערת־המכפלה ליעגט זי; די איהריגע האָבען זי אַליין אויפֿ׳ן וועג געלאָזט, שטעהט איהר שטיין פֿריי פֿאַר אַלע פֿערבייגעהענדע; צו אַלע איז זי, ווי די זון, ווי די ערד, ווי דאָס וואַסער; צו אַלעמען געהערט זי, זי פֿרעהט זיך מיט אַלע מיט, זי טרויערט מיט אַלע; זי איז דאָך אונזער אַלעמענס מאַמע.

און דאָס מיידעל האָט זיך בעהאַלטען הינטער׳ן שטיין, און האָט פֿאַר איהם איהר סוד פֿערטרויט, און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט:

— זעה, מאַמע, ווי פֿיהלסט דאָך מיך, ביזט דאָך אויך אַ מאַמע געוועזען... פֿון דער־היים בין איך אַוועק... ער האָט געוואָלט נעהמען אויף זיך אַלעס... דעם וואָגען האָט ער פֿערקויפֿט, מיט־געגעבען מיר דאָס געלד, נאָכגעגאַנגען מיר ביז כפר־נחום, און מיט־געוויינט, און זאָגט אַזוי: „אָ, זאָל דיר גאָט העלפֿען. און ווי עס וועט ניט זיין, קום צו מיר“, און איז צוריק אַהיים געגאַנגען, געה איך קיין בית־לחם, צו אַ מאַמעס אַ שוועסטער. איך ווייס ניש, ווי זי וועט מיך אויפֿנעהמען, איך האָב זי נאָך קיינמאָל ניט געזעהען, נאָר, מאַמע, איך בין גליקליך.

און זי איז דאָרטען ביים שטיין געזעסען אַ לאַנגע צייט, ביז זי האָט דעם שטיין אַלעס פֿערטרויט.

זי איז אויפֿגעשטאַנען פֿון דאָרט מיט אַ גרינג האַרץ און אַריינגעגאַנגען קיין בית־לחם. דער וועג פֿיהרט דורך אַ לאַנגען טהאָל, און זעה, די שטערען פֿון הימעל, דאַכט זיך, ווי זיי וואָלטען זיך אַראָבגעלאָזט און געלעגט זיך לאַנג און ברייט איבער דער אויבערפֿלעך פֿון דער ערד. די טיעפֿע לאַנגע פֿעלדער, וואָס לאָזען זיך טהאָל־אַראָב פֿון ביידע זייטען וועג, זענען בעגאָסען מיט אַזאַ ליכט, אַז דעם מיידעל האָט זיך געדאַכט, אַז זי געהט איבער אַ ברייטען, לאַנגען הימעל־וועג, וואו עס ציהען זיך ליכטיגע מילך־וועגען, און עס קוויען צופֿליעסען אַהין און אַהער ליכטיגע וואָלקען־שטיקער. אויף די מילך־וועגען איבער די ליכטיגע פֿעלדער זענען מלאכים געגאַנגען.

פון אַלע פיער זייטען וועלט זענען זיי אָנגעקומען, אין גאָלדענע קליידער זענען זיי געגאַנגען אָנגעטהאָן, און זייערע גאָלדענע קרוינען האָבען זיי אין זייערע הענד געהאַלטען און געגאַנגען זענען זיי איבער די ליכטיגע פעלדער, און געבויגען זייערע קעפ פאַר איהר, און גענייגט זייערע קרוינען צו איהרע פיס, און בעגלייט זי פון דערווייטענס מיט אַ שטיל געבעט קיין בית-לחם אַריין. און אַזוי פיעל מלאכים זענען עס געווען! אויף אַלע פעלדער, אין גאַנצען טהאָל האָבען זיך די וועגען געצויגען; און אויף אַלע וועגען זענען די מלאכים געגאַנגען, און נאָך זיי זענען אַנדערע מלאכים אָנגעקומען. און אַלעם האָט זיך אויסגעמישט אינאיינעם: די גאָלדענע מלאכים-קליידער מיט די ליכטיגע הימעל-פעלדער און האָבען זי מיט-בעגלייט מיט פערשלאָסענע ליפען און אָפענע אויגען קיין בית-לחם אַריין.

און די מאַמע רחל איז פון איהר קבר אַרויסגעגאַנגען, אין ווייסע תכריכים אָנגעטהאָן און אין אַ ווייסען שלייער אויפ'ן קאָפּ, און הויט פון דערווייטען נאָך איהרע לאַנגע, בלייכע הענד נאָכגעשטרעקט: גאָט זאָל דיר בייזשטעהן, מיין קינד! און דוד'ס שטאָדט איז אינגאַנצען בעגאָסען געווען מיט שטערען-ליכט ביי איהר אַריינקומען. זעה, די הייזער, ווי אַלטע בכבוד'ע אורחים אין ווייסען, זענען געקומען אויף דער סעודה, וואָס זי האָט אָנגעגרייט פאַר זיי פאַר איהר גליק. אַרום און אַרום האָבען זיך אויסגעצויגען די טהאָלען, אין וועלכע דוד האָט זיין שאָף געפּאַשעט, און דאָס יונגע מיידעל האָט געזעהען דוד'ס מאַמע, ווי זי שטעהט אויף דער שוועל פאַר איהר טהיר. שמואל הנביא קומט אין שטאָדט אַריין מיט אַ קריגעל עהל און שופר און זוכט דעם משיח פון גאָט, און אַלע בכבוד'יגע געסט זענען אין שטאָדט געקומען עפּעס צו אַ גרויסע, גרויסע חתונה... אברהם מיט שרה'ן קומען-אָן פון חברון... און יעקב מיט רחל'ען זענען אויך דאָ, און אַזוי פיעל יודען, אַלע נביאים... און משה רבינו שטעהט דאָרט אויפ'ן באַרג סיני און האַלט די תורה אין דער האַנד, און דוד המלך מיט די מלאכים געהען איהר אַנטקעגען. און דאָס פאָלק אַרום און אַרום... און ליכטיג איז אַזוי, און די מלאכים, וואָס זענען איהר נאָכגעגאַנגען איבער די וועגען, האָבען די ענג אַרומגערינגעלט אין גענייגט זייערע קרוינען פאַר איהר און ווייסע ליילעכער אויסגעשפּרייט צו איהרע פּ.ס.

* *

*

ווי אַ גרויסער יום־טוב איז אויפגעגאַנגען יענעם טאָג דער מאָרגענשטערען אין מזרח־זייט אין דעם טהאָל פון בית־לחם, און האָט געמאַכט ציטערען זיין בלייך ליכט איבער די פעלדער פון דודים שטאָדט. פון דערווייטענס, ווי אַ שטיל געבעט צום מאָרגענשטערען, האָט זיך געהערט אַ קול פון אַ פּאַסטוך־פייפעל. דאָס קול איז געקומען צווישען טוי־וואָלקען און איז פערפאַלען געוואָרען אין טוי־וואָלקען, וואָס האָט אַרום און אַרום איבער די בית־לחמער פעלדער געשוועבט. עס זענען געווען די ערשטע פּאַסטוכער פון בית־לחם, וואָס האָבען אַרויסגעפיהרט זייערע סטאַדעס אין די לאָנקעס. מיט דעם שלאָף אין די אויגען האָבען זיי, ווי זייערע שעפּסען, גע־קוקט תמ׳עוואַטע אין דער וועלט אַריין, וואָס, ווי ניי־געבוירען אָב־געצוואָגען אין טוי און וואָלקען, האָט זי זיך אַרויסגעהילט פון דעם נאַכט־שלייער און געוואַרעמט זיך געגענאיבער דעם רויטען אויפגעהענדען מאָרגענשטערען. די פּאַסטוכער, וואָס האָבען געפיהרט זייערע שעפּסען טוי־וואָלקען אַרוים און טוי־וואָלקען אַריין, האָבען געהערט די שטילע פריידען־קרעכצען פון דער יונגער מיידעל, וואָס איז געלעגען צווישען די גרעזער פאַר דעם פערמאַכטען הייזעל פון איהר קרובה. נאָר ניט פרעגענדיג זי, האָבען די גוטע פּאַסטוכער די יונגע מאַמע אויפגעהויבען און אַריינגעטראָגען אין דעם נאָהענטסטען פּאַסטוך־ביידעל, וואָס איז דאָרט געווען, האָבען צו איהר אין ביידעל אַריינגעלאָזט אַ פּאָר שעפּסען און קעלבער, אַז זיי זאָלען מיט זייער וואָל און לעבענס־אָטהעם דערוואַרעמען די יונגע מאַמע פון נאַכט־קעלט. אָט האָט איינער טרוקענע צווייגען צוזאַמענגענומען, און אַ פייערעל האָט געברענט: אָט מעלקט אַ צווייטער אַ יונגע ציג, דאָס האַרץ פון דער יונגער מאַמע צו דערקוויקען. און צווישען די שעפּסען און קעלבער שפּרייט די יונג־ווערענדע מאַמע — איהר פּנים איינגעהילט אין וואָלקען פון פרייד און צער — איהרע הענד און ברוסטען אויס, בריינט איבערצוגעבען איהר גליק אַ מתנה דער וועלט ...

און זעה, אין די פעלדער פון בית-לחם האבען זיך די מלאכים אין זייערע גאלדענע קליידער, ווי די זאנגען אויף דער ערד אויס-געלעגט, און קלאפען זייערע שטערענס אן דער ערד, און נייגען זייערע קרוינען צום פאסטוך-ביידעל, און דער יונגער, ניי-געבוירענער מארגענשטערען, וואס באדט זיך וואלקען-איין, וואלקען-אויס, מאכט ציטערען זיין ליכט איבער די מלאכים-קרוינען. און די שטערען פאלען פון הימעל אראב. און גאט איז אריינגעגאנגען אין זיין בעהאלטען ווינקעל, האט זיך דאס פנים אין די הענד בעהאלטען, און טהוט אויס זיין רחמים-קלייד און ווארפט עס איבער דער ערד. די ווינדען זענען איבער דער ערד שטיל געווארען, די גרויסע וועלען האבען זיך אין די ברייטע ימים אבגעשטעלט. די שיפען זענען אין מיטען ים שטעהן געבליבען, — און א גרויס, גרויס שטילקייט איז געווארען איבער דער טריקעניש און איבער'ן וואסער.

II.

דער לעצטער מעמד.

דער לעצטער „מעמד" פאר ירושלים איז געווען בית=לחם. דארט האבען זיך צונויפגעקליבען די עולי=רגל'דיגע פון דער גאנצער גליל=פראווינץ, פון גאנצען ירדן=ברעג, פון חברון און יריחו, פון אפרים=בארג און פון יהודה=פראווינץ.

אין קיין הייזער איז מען ניט אריינגעגאנגען נעכטיגען, טאמער וועט מען חלילה טמא ווערען אין אהל אדער אונטער א דאך. אין די גאסען, אויף די פעלדער, אין די טהאלען, אויף די בערגער האט די גאנצע מחנה גענעכטיגט, מיט זייערע ווייבער, מיט זייערע קינדער, און די קרבנות מיט די הערנער בעפוצט, סיי די פרעמדע, סיי די היימישע. און אז דער ערשטער מארגען=בלאסק וועט זיך איבער דעם בית=לחמ'ער הימעל ווייזען, און עס וועט זיך אנהויבען גרינגען פעלד און פלאץ, און שטיל וועט אלעס ווערען און מארגען=זון, וועט דער גבאי, וואס איז איבער די עולי=רגל'דיגע געזעצט, רופען:

— שטעהט אויף, שטעהט אויף! קומט, לאזען מיר אויפגעהען נאך ציון און גאט'ס הויז אריין.

און ווי אזוי איז מען אריינגעגאנגען קיין ירושלים? מען איז אזוי אריינגעגאנגען קיין ירושלים: האט פייפעל האט פאראויס גע=פייפט, די בעמבע האט געפויקט, און דער אקס איז פאראויס גע=גאנגען, די הערנער מיט גאלד בעפוצט און מיט לולבים בעקרענצט, און דערנאך איז די משפחה געגאנגען מיט די קערב בכורים אויף די אקסלען, אריינצוגעהן צו גאט'ס הויז.

נור נישט געשלאפען איז מען די לעצטע נאכט. אלע וועגען האבען קיין בית=לחם בייע מחנות עולי=רגל'דיגע געפיהרט. מיט מוזיק פאראויס און מיט געזאנג און טענץ בעגלייט. יעדע געגענד האט אנדערע שירי=תהלים געזונגען, און אנדערע מנהגים געהאט. מען האט זיי געקאנט דערקענען שוין לויט די קערב, וואס זיי האבען

אויף זייערע אַקסלען געטראָגען; געפלאָכטען זענען זיי אין יעדע פּראָווינץ אַנדערש געווען. מען האָט זיי שוין געקאָנט דערקענען לויט די טליתים, וואָס זיי האָבען געטראָגען. אַלעס האָט געדרונגען אין מאַרק אַרײַן פון דוד'ס שטאָדט, די לופט איז פערטויבט געווארען פון די ברומערײַען און געשרייען פון די אָקסען און שעפּסען, וואָס מען האָט פאַר קרבנות געפירט. נײַע אָנגעקומענע האָבען זיך אין די מחנה געלאָזט זוכען זייערע קרובים און גואלים, וואָס וואָהנען ערגעץ אין אַ ווייטע פּראָווינץ, האָבען געטראָפען נאָהענטע, בעקאַנטע, געפרעגט זיך און אויסגעפרעגט זיך אויף זייעריגע. דאָ האָט אַ גרויסער עולם תלמידי־חכמים אַרומגערינגעלט אַ תלמיד פון פומבדיתא'ר ישיבה, וואָס האָט נאָך פערצעהלט אַ נײַעם דין, וואָס מען האָט דאָרט מחדש געווען אין דעם נײַעם בית־מדרש, אָדער פערטײַטשט אַ פּסוק, וואָס מען האָט ביז יעצט ניט געוואוסט דעם פּשט.

דאָ און דאָרט האָט אַ יונגער־מאַן אַ בתולה, וואָס איז איהם געפעלען, אין פעלד פערפירט און אָנגערעדט, זי זאָל זײַן ווײַב ווערען. בײַ אַ פײַער־פלאַם זענען אַלטע יודען געזעסען און האָבען די יונגע אגדות פערצעהלט... נאָר אין מיטען דערינען איז אַ רעש געווארען צווישען די מענגע, מען האָט נישט געהערט, וואָס און ווען, נאָר לעבעדיגע אויסגעשרייען און מאַכען מיט די הענד פון די אָנוועזענדע. דאָס האָט מען אין דער מחנה זיך דערוואוסט, אַז דער קיסר פון רוים האָט הורדוס'עס זוהן אלכילוס פון דעם טראָן אַראָבגעזעצט, יהודה פאַר אַ רוימישע פּראָווינץ ערקלערט און אין הורדוס־פּאַלאַץ אַ רוימישען שטאָדט־האַלטער אַרײַנגעזעצט. אין דער מחנה יהודה איז געווארען אַ גרויסע אויפרעגונג. דאָ און דאָרט האָט מען געזעהען מענשען מיט צוהיצטע פּנים'ער, צופלאָשעטע האָר, האָבען מיט די הענד געמאַכט, און גע'טענה'ט צום אַרומיגען עולם, און פון די גוואַלדען האָט מען גאָר נישט געקאָנט פערנעהמען. אַנדערע ווײַטער האָבען זיך ווידער אין די קופּקעלעך אין די ווינקעל־גאַסען געקליבען, אויף אַ שוועל פון אַ פערמאַכט הויז, עפּעס אין דער שטיל פערצעהלט, אײַנגערעדט, און מיט די הענד אויסגעצויגען, געוויזען אויף ערגיץ־וואו גאַנץ ווײַט.

און די נאַכט האָט אַלע מיט פינסטערניש געשלאָגען און אין

טונקעלהייט פֿערהוילען. יוסף'ס משפּחה האָט זיך ניט אונטער דער שטאָדט פֿערקליבען, ביי אַ ראָד אונטער אַ ציפּרעס אַ פֿייער פֿון געטריקענטע צווייגען געברענט. איז געזעסען די מוטער מיט'ן זעקס-יעהריגען קינד און דאָס קַלב האָט געהויערט ביי זיי. שוין לאַנג איז די נצרת'ער מחנה פֿערטרונקען געוואָרען צווישען די מענגע עולי-רגל'דיגע, וואָס האָבען זיך געהאָפּטען צו זיי פֿון דאָרף אין דאָרף, פֿון שטאָדט אין שטאָדט. נאָר דאָך נישט צוגעוועהנט צו פֿרעמדע מענשען, און שעמעוודיג זיך פֿאַר פֿרעמדע, האָבען זיי זיך געשטאַרקט צו האַלטען היימישע מיט היימישע, און איין נצרת'ער האָט זיך ביים צווייטען געריבען.

נאָר אַריינגעהענדיג קיין בית-לחם, זענען זיי פֿערלאָרען געוואָרען אין אַזאַ מענגע. זיי זענען פֿערטויבט געוואָרען אין דער געברומעריי פֿון די בהמות, וואָס מען האָט געפֿיהרט מקריב זיין. זייערע גרינגע קערב, אין וועלכע זיי האָבען געפֿיהרט זייערע פֿרוכטען פֿאַר גאָט, זענען פֿערשעמט געוואָרען פֿאַר די גאָלדענע און זילבערנע כלים, אין וועלכע די עולי-רגל'דיגע פֿון דער יהודה-פּראָווינץ האָבען זייערע קרבנות געברענגט. און זיי האָט זיך געדאַכט, אַז וואָס קאָנען זיי דאָ בעדייטען מיט זייערע אָרימע גרינגע קערב, אַז אויף זיי וועט זיך אַפֿילו גאָר גאָט נישט אומקוקען, — און אַזוי האָבען זיי זיך איינער מיט'ן צווייטען פֿערלוירען. יעדער מיט זיין משפּחה און קרבן האָט זיך פֿערשטעקט אין אַן אַנדער ווינקעל, און מיט גרויס דרך-ארץ איינגעהאָרכט זיך, וועגען וואָס מען רעדט, כאָטש זיי האָבען ניט געוואוסט, וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך.

זיי האָבען פֿערשטאַנען, אַז דאָ האָט עפּעס געמוזט געשעהען, נאָר וואָס — האָבען זיי נישט געוואוסט. די גליל'ער, וואָס זענען געווען ווייט פֿון ירושלים, — זעלטען ווער עס האָט געקאָנט לייענען, — און זייענדיג אָבגעריסען פֿון ירושלים, האָבען זיי זעלטען געוואוסט, וואָס אין ירושלים טהוט זיך. פֿון יום-טוב צו יום-טוב, וואָס זיי זענען קיין ירושלים אויפֿגעגאַנגען און אויפֿגעהאַלטען זיך אין בית-המקדש-הויף און אויסגעהאָרכט די דרשות פֿון די פּרושים, האָבען זיי נאָר געוואוסט, אַז עס איז אַ גרויסער שונא אויפֿגעשטאַנען קעגען יודישען פֿאָלק. דאָס איז עפּעס יענץ פֿאָלק, וואָס וואָהנט ווייט אויף יענער זייט ים און וואָס איז דער שר פֿון שטן, וואָס גאָט

האָט אָנגעשיקט, ווייל יודען זענען שלעכט. נאָר זיי האָבען זיך פערלאָזט אויף די חכמים און די סנהדרין פון ירושלים, מן הסתם ווייסען זיי שוין, וואָס זיי האָבען צו טהון, — און וועלען שוין עפּעס געפינען אַן עצה. וואָס האָבען מיר דאָ אַריינצורעדען?

קיין מלך פון דוד'ס הויז איז שוין לאַנג ביי יודען נישט געווען. די כהנים-גדולים פון די חשמונאים האָבען זיך שוין לאַנג אויסגעלאָזט. און הורדוס-הויז איז געווען אָנגענומען ביי יודען פאַר אַ שונא פון יודישען פאָלק, וואָס האָט אויסגעראָטעט די חשמונאים, און וויל מאַכען אונטערטעניג די יודען פאַר די רוימער. איז קיין זאַך נישט געווען אַזוי הייליג, ווי דאָס בית-המקדש. און גאָר נישט דאָס אויף די גליל'ער געקאָנט ווירקען, ווי דאָס וואָרט בית-המקדש. און אַז אַ קול האָט זיך געלאָזט הערען, מען וויל דאָס בית-המקדש בעראַיבען, האָבען זיך דאָ און דאָרט זיהן פון די פּעטער אַרויסגע'גנב'עט, מענער פון די ווייבער, און קיין ירושלים געאיילט, דאָס בית-המקדש צו בעשיצען.

יעצט אויך, אַזוי ווי די גליל'ער זענען געוואָרען צעוואָרפען צווישען די מחנה און געהערט דאָס געריידער, וואָס עס האָט זיך געמאַכט צווישען די מחנה, האָבען מעהרסטען נישט פערשטאַנען, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, נאָר זיי האָבען געפיהלט, אַז עס איז עפּעס געשעהען מיט'ן בית-המקדש. ביי זיי האָט זיך אין דער שטיל דאָס בלוט צוקאָכט, די אַדערען זענען זיי געוואָרען אָנגעשטרענגט, זיי זענען בעריית געווען אַלע, ווי איין מאַן, אויפצושטעהן און אַריינצוגעהן קיין ירושלים און צו בעפאַלען די רוימער. נאָר זיי האָבען זיך מורא געהאַט אָנצורופען, זיי האָבען ניט געוואַגט פאַר די בעלי מיוחסים פון יהודה, וואָס זענען געווען אַזוי נאָהענט צו ירושלים, אַז זיי זאָלען דאָ עפּעס אַריינרעדען. האָבען זיי נאָר שטיל געשוויגען, און בעריית געווען אויף די צייט, ווען מען וועט זיי דאַרפען.

הלל'ס משפחה, פערלירענדיג זיך מיט די אַנדערע עולי-רגל'דיגע פון נצרת, האָבען זיך אונטער דער שטאָדט פערקליבען, צו איהר משפחה, וואָס זי האָט געהאַט אין בית-לחם וואָהנען, וואו זי האָט איהר עלטסטען זוהן געבוירען, האָט זי נישט געקאָנט אַריינגעהן, ווייל אויפגעהענדיג קיין ירושלים, טאָר מען זיך נישט אויפהאַלטען

אין קיין שטוב. זיי האָבען זיך פֿערקליבען אויף אַ בערגיל אונטער אַ ציפּרים. יוסף האָט טרוקענע צווייגען צוזאַמענגענומען און אַ פֿייער אונטערגעצונדען, איז געזעסען די מוטער מיט איהר זוהן און דאָס קאַלב האָט געהאַרט געבען זיי. יוסף האָט זיי אויך באַלד פֿערלאָזט און איז אין די מחנה געגאַנגען, געוואָהר ווערען, וואָס עס איז פֿאָרגעפֿאַלען.

דאָס יונגעל ישמעאל איז ניט געשלאָפֿען. דאָס ערשטע מאָל האָט ער אַזאַ מענגע געזעהען, פֿייערליך האָט ער געזעהען פֿון דערווייטענס ברענען, און מענשען לויפֿען אַהין און אַהער, און קולות האָט ער געהערט. עס רופֿען מענשען איינער צום צווייטען, און אָקסען שרייען, בעמבעס פּויקען, און אַזוי פֿיעל מענשען קומען אָן, און אַלע געהען אין איינעם קיין ירושלים צו גאָט, און ער געהט אויך צו גאָט, און די מאַמע געהט און אַלע געהען, און מיט קינדישע פֿרייד האָט ער די מוטער האַלז אַרומגענומען:

— ס'וואָהר, מאַמע, אַלע געהט מען קיין ירושלים?

— יאָ, קינד, אַלע געהען מיר קיין ירושלים.

— צו גאָט אין בית־המקדש אַריין און מען וועט גאָלדענע טישען אויסשטעלען אין בית־המקדש מיט זילבערנע טישען, און מנורות וועלען זיי אָנצינדען, אַזוי פֿיעל מנורות, און גאָט וועט זיך פֿרעהען מיט אונז און מיר אַלע, אַלע וועלען מיר זיך פֿרעהען. ס'וואָהר, מאַמע? און פֿעהנער וועלען מיר אויפֿהענגען, און עס וועלען קומען אַלע פֿון דער גאַנצער וועלט, און די חתנים וועלען זיך פֿרעהען, און די כלות וועלען טאַנצען, און אַלע וועלען קומען, און פֿייפֿלעך וועלען פֿייפֿען, און אַלע, אַלעמשקע פֿון דער גאַנצער וועלט וועלען קומען, און נאָך, און דאָס בית־המקדש וועט אַזוי גרויס זיין, און גויים, מאַמעשי, וועלען אויך קומען, נישט וואָהר?

— אַז זיי וועלען יודען ווערען, קינד לעבען.

— און פֿאַר־וואָס זענען זיי נישט קיין יודען — די גויים, מאַמעשי, פֿאַר־וואָס מאַכט נישט גאָט, אַז אַלע זאָלען זיין יודען, אַלע, די גאַנצעמשקע וועלט זאָלען זיין יודען, און אַלע, אַלע, די גאַנצעמשקע וועלט זאָלען זיצען אַרום די גאָלדענע טישען? ער קאָן דאָך אַלע מאַכען פֿאַר יודען, ס'וואָהר, מאַמע?

די זון איז שוין אויפֿגעגאַנגען איבער דעם בית=לחם=הימעל; ווײַט אין מזרח=זײַט האָט זיך דער הימעל גערויטעלט, און דאָס גראָז און די בוימער זענען פֿעדהעלט געוואָרען, און עס האָבען זיך דאָ און דאָרט אײַנצעלנע, אָבגעטײַלטע מחנות אַרומגעוויזען, די פֿײַערלעך האָבען זיך אָנגעהויבען צו פֿערלעשען, און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבען צוזאַמען=צוקומען. פֿון דערווײַטענס האָט מען געהערט, ווי די פּויקען קלאַפּען, און קולות רופֿען די מחנה:

„שטעהט אויף, שטעהט אויף, קומט, לאָזין מיר אויפֿגעהן נאָך ציון אין גאָט׳ס הויז".

און דאָ און דאָרט האָט מען זיך צוזאַמענגענומען, יעדע משפּחה מיט איהר קאָרב בכורים אויף די אַקסלען, און דער אָקס פֿאָראויס פֿאַר זיי.

צוערשט זענען געגאַנגען די יהודה׳דיגע בעלי=מיוחסים מיט זייערע פֿליטען און טראָמפּעטען, וועלכע האָבען דעם וועג אויסגעשאַלט פֿאַר זיי, און ווײַט=ווײַט דערנאָך דער איבריגער עולם.

יוסף האָט צוזאַמענגענומען זײַן משפּחה. די מוטער האָט דערווײַל איהר קינד אין נאָהענטסטען טײַכעל טובל געווען, אָנגעטהון איהם דאָס נײַע העמדעל, וואָס זי האָט געהאַט אויפֿגענעהט פֿאַר איהם, אַז זי זאָל איהם רײַן פֿאַר גאָט שטעלען, און האָט אָנגענומען איהר קינד בײַ דער האַנד און איז נאָכגעגאַנגען נאָך איהר מאַן, וועלכער האָט געטראָגען די בכורים אין גרינעם קאָרב אויפ׳ן אַקסעל, און דאָס אָרימע קעלבעל פֿאַר זיי, און די הערנער אַ קרוין פֿון עהלבירטען=בלעטער, זענען זיי ווײַט=ווײַט נאָך די מחנה נאָכגעגאַנגען אין אַ זײַט, און אײן שאַלענד געזאַנג, ווי אַ ליכטיגע זון האָט פֿון דאָרט פֿאָרענט אַרויסגעדרונגען און אַרומגענומען די גאַנצע מחנה איבער די קעפּ.

אַזוי זענען יודען אַרײַנגעגאַנגען קײַן ירושלים, אויפ׳ן וועג קײַן בית=לחם, פֿאַר קבר=רחל פֿערבײַגעגאַנגען. די זון איז אויפ׳ן הימעל אַרויס און ליכטיג איז געוואָרען טהאָל און באַרג, און דאָס געזאַנג פֿון טויזענדער=טויזענדער מענער, ווײַבער און קינדער האָט אין דער לופֿט געשאַלט: קומה ונעלה אל בית ד׳ אלהינו!

בת=שבע איז מיט איהר זעקס=יאָהריגען זוהן פֿאַר דער מאַמע רחל׳ס קבר פֿערבײַגעגאַנגען, האָט זיך אַ מינוט אויפֿגעהאַלטען, עפּעס

דארט אין קבר אריינגערעדט, אז קיינער זאל נישט הערען, און אויף איהר קינד געוויזען. יוסף האט זיך אומגעקוקט און געוויזען, אז זי זאל פלינק נאך דער מחנה נאכגעהן, האט זי דאס קבר פערלאזט און געשווינד נאך די מחנה נאכגעאיילט.

און דאס קינד ישמעאל איז יעצט גאר אנדערש געווען, ווי פריהער. א אינגעהויערע קינדישע שמחה האט זיין הארץ דערפרעהט, אז ער געהט נאך ירושלים אויף. האט ער זיך פון די מוטערס האנד ארויסגעריסען, פאראויס געלאפען און געוואלט מיט־זינגען מיט'ן גאנצען עולם, נאר ער האט נישט געוואוסט, וואס צו זינגען. דעם פסוק האט ער נאך נישט אין חדר געלערנט. די מוטער האט איהם נאכגעאיילט, מורא געהאט, אז ער זאל נישט פערבלאנדזשעט ווע־רען, אבער באלד האט זי איהם געזעהען אין מיטען א גאנצע שרענגע קינדער. האבען זיי זיך אלע אנגענומען ביי די הענד, און עפעס אלע אויף איין קול געזונגען. נאר וואס — האט קיינער נישט גע־קאנט פערשטעהן, און נישט זיי אליין האבען פערשטאנען.

פאר ירושלים איז דער עולם שטעהן געבליבען און האט, ווי דער דין איז, אריינגעשיקט צוויי שלוחים קיין ירושלים און בית־המקדש אריין, אז זיי קומען אן, חאטש דארט האט מען זיך געריכט אויף זיי, און מען האט געוואוסט, אז זיי קומען אן.

דער עולם האט די פירות פון די קערב ארויסגענומען, אויף די הענה געהאלטען, און בערייט געווען די פרוכטען און גאטס הויז צו ברענגען און פאר גאט צו ווייזען.

אין דעם זענען אנגעקומען די גבאים און די סגנים פון דעם בית־המקדש, און מיט זיי די רייכע חשוב'ע בעלי־בתים פון ירושלים, אין טייערע זיידענע טיכער אויף די קעפ, דער צייכען פון זייער חשיבות. די לייבער אין עהלען געשמירט, זענען זיי אין זיידענע טייערע טליתים געווען געהילט, מיט גאלדענע קייטען בעפוצט. אין זייערע מלבושים איז געלעגען א בעהאלטענער סוד פון טייערע, שמעקענדע עהלען. און זייערע הענד האבען זיי געהאלטען די פרוכטען פון זייערע פעטע גערטנער אויף טייערע דינישקע גאלדענע בלאטען, אויף וועלכע עס זענען געווען מייסטערהאפט אויסגעקלאפטע וויינ־טרויבען־שטאנגען און עהלבירטען־בוימען. דער עולם האט פאר זיי א וועג געמאכט אין דער שפיץ פון דער מחנה. האבען זיי דעם עולם

קיין ירושלים אַרײַנגעפֿירט. פֿאָראויס פֿאַר זיי זענען געגאַנגען די לויים, אַכטצעהן־יעהריגע בחורים, וואָס זענען מיט זיי די מחנה אָקעגענגעקומען, אין בלויע פורפורנע העמדער אָנגעטהאָן, מיט גאָלדענע פראַנצעלען, אין טײַערע זײַדענע טליתים אויף זיך פֿערוואָרפֿען, האָבען זיי אויף לאַנגע, דינע פישטשאַלקעס, אויף אַכט־זײַטענדיגע פידלען, אויף געדרעהטע, פיעל־פאַכיגע, פיעל זײַטיגע האַרפֿען, אויף זילבערבלעכען זײַערע ניגונים געשפּיעלט. נאָך זיי זענען געגאַנגען די קרבנות פֿון די חשובי־ירושלים, די הערנער אין גאָלדען בעפּוצט און עהלבירטען־קרענץ, און דאָס פֿאָלק נאָך זיי.

ברייט האָט זיך געעפֿענט ציונ'ס טויער פֿון די ירושלים־מויערען. און לאַנג און שמאָל איז געווען די גאַס, און האָט געפֿירט צום הר־הבית. און געגען־איבער די ירושלים־מויער איז אָפֿען געווען דאָס טויער פֿון דער בית־המקדש־מויער: אין זונען־שײַן האָבען זיך געוויזט די מאַרמאָר־טרעפּען, וואָס פֿירען פֿון בית־המקדש־הויף צו די ערשטע „עזרה" אַרויף, און אין זונען־בלאַסק האָט זיך געברענט מאַרמאָר און גאָלד.

ווי איין מענש, איז דאָס פֿאָלק אויף די קניהען געפֿאַלען און די קעפּ געבויגען אין שטיל געשוויגען.

נאָר באַלד האָט פֿלייטען־מוזיק געטענט, און דאָס פֿאָלק מיט די צו דער ערד געבויגענע קעפּ האָט די פֿרוכטען פֿון זײַער ערד אין גאָט'ס הויז אַרײַנגעטראָגען.

אין צוויי רייהען נעבען די שמאָלע, קליינע הײַזלעך, זענען די בעלי־מלאכות פֿון ירושלים געשטאַנען. די, וואָס האָבען נישט קיין איין ערד געהאַט, און האָבען קיין פירות נישט געהאַט פֿאַר גאָט צו ברענגען, האָבען טיכער און טעפּיכען אויף די גאַס, וואָס פֿירט אין בית־המקדש אַרײַן, פֿאַר'ן עולם אויסגעשפּרייט, האָבען זיך אין די רייהען געשטעלט, און האָבען די אָנקומענדע בעגריסט:

— אונזערע ברידער פֿון דעם און דעם אָרט — קומט'ס אַרײַן מיט שלום.

און אַ גרויס בענקעניש און זעהנזוכט האָט אַרומגענומען די נײַ־אָנקומענדע, צו זעהען דאָס בית־המקדש. אַ סך, דערזעהענדיג פֿון דערווײַטענס דעם ליכטיגען מאַרמאָר אין דער זון, האָבען זיך אויף דער ערד געוואָרפֿען און די ערד געקושט, געוויינט, און די הענד גע־

הויבען. עלטערען האָבען זייערע קינדער אויף די הענד גענומען, געהויבען זיי אַהין און געוויזען צום בית־המקדש. טייל פלעגען לאַנג אויף דער ערד ליגען און נישט ריהרען זיך, אַנדערע ווידער מיט אַ ענטוזיאַסטיש געזאַנג, וואָס איז מעהר ענהליך געווען צו אַ הילה געשריי, האָבען זיך געלאָזט לויפען אין דער מחנה, בויגענדיג די קעפ צו דר'ערד.

נאָר דערוויילע זענען די מיוחסים פון ירושלים אַריינגעקומען אין הויף פון בית־המקדש. פאַר זיי האָבען אין ליכטיגער זון געברענט די ווייסע, שניי־מאַרמאָרנע זיילען, וואָס שטייען ליגענדיג אויף שטיין, פון קיין מייסטער'ס האַמער געקלאַפּט, פון קיין מאָלער'ס פּענזעל בעמאָלט, נאָר אַזוי שטאַרק און רויה, ווי די ערד האָט זיי אַרויסגעגעבען, זענען זיי געשטאַנען בעפעסטיגט אין זייערע גאָלדענע שוועלען, האָבען זיי אויסגעזעהען, ווי שניי־זיילען, אַרויסגעוואַקסען פון גאָלדענע טייכלעך. מיט שטאָלצקייט האָבען זיי אַרומגערינגעלט גאָט'ס הויז, ווי שלמה־המלכ'ס העלדען, וואָס האָבען זיין שלאָף־בעט מיט די שווערדען אין די הענד אַרומגערינגעלט. אַ פיערציג־שטופיגע מאַרמאָרנע טרעפ האָט אַרויפגעפיהרט צו אַ צווייטע רייהע זיילען, צווישען וועלכע די כהנים אין פורפור־קליידונג האָבען זיי עמפּפאַנגען. אַזוי איז געשטאַנען גאָט'ס הויז, פריי אין אָפען, ווי דער הימעל, ווי די לופט. נאָר מאַרמאָר־זייל און זונען־ליכט האָט זיך געלויכטען, ווי שניי פערברענט אין ליכט, ווי דער חרמון־שפּיץ אין זונען־אונטערגאַנג, וואָס דאַכט זיך, אַז שיימענדע, קאַלטעוואַטע קאַלטע ים־וועלען, ווייס און שימערענדיג, ווי טייערע זיידענע שפּיצען, פאַלען און גיסען זיך און יאָגען זיך פון געבירג אַראָב, און דאָס צוברעכט זיך אין טויזענדער שפּריצען. און די גאָלדענע שוועלען זענען צוגאַנגען געוואָרען אין דער זון, ווי רויטע ברענענדיגע, שפּראָצענדע קוואַלען. און דאָס פּיטחיין־האַלץ, און די זיידענע טייערע פּורפּור־פאַרהאַנגען צווישען די זיילען זענען געווען, ווי געגל וועלטע וואַסער־וועלען, וואָס הענגען צווישען ים־בערג און שניי־בערג.

משה טײטש.

לידער

I.

ווײסטו, ליבסטע, וואָס איז יאָהרען?
יאָהרען, ווײס איך, זענען פֿױגעל
און זײ פֿליהען און פֿערפֿליהען —
פֿרעג דעם ערשטען שטײן אין ברוק,
ער וועט דיר ענטפֿערען: היק-הוק!
פֿױגעל ווערען ניט פֿערפֿאַלען,
מיט די ערשטע פֿריהלינגס-שטראַהלען,
קומען זײ צוריק...

אָדער וואַרט — איך ווײס אויך קלאָר:
יאָהרען זענען טרױמען אויפֿ'ן וואָדר —
צו געדענקסטו דאַמאָלסט, דאָרט,
הײם דער בליק און שטיל דאָס וואָרט?
עס גיט אויפֿ'ס ניי
פֿאַרביי
דאָס גליק א בליץ,
און דער דאַמאָלסט ווערט שוין איצטער,
און דער טאָג מיט שטראַהלען בליצט ער,
און די נאַכט מיט ליעבע-לידער.

II.

זינג, מײן שװעסטער, דײנע לידער.
דײנע לידער האָבען װידער
אױפגעצױבערט יענע שענע,
אַלט־בעקאַנטע שטילע יאָהרען,
װעלכע האָבען לאַנג פערלאָרען
אונזער נעמט —
און דו זעהסט,
אין דעם שענעם פריהלינגס־אָװענד
קומען אַלטע ליעבע געסט —
עפּען ברײטער טהיר און טױער!

III.

ס'האָט דער װינטער אויף די שױבען טױטע בלומען אָנגעזשעכט:
און בײ אונז אין נאָס תכריכים לאַנג געגנעדט —
עס האָט דער שטורעם זיך געפרעדט
אַ װילדע פרײד
און מיט פרײד דעם טױט בעגריסט,
נאָר אומזיסט:
פאַר דעם ערשטען זונען־שמײכעל
איז דער װינטער אויף זײן שליטעל
טיעף אין װאַלד צוריק אַנטלאָפען,
און אין שענעם פריהלינגס־אָװענד
האָט דאָס גליק מיך בײ מײן שװעל
מיט אַ ליעד צוריק געטראָפען.

IV.

אַלטע לידער, זיסע לידער,
איך זינג אײַך איבער הײַנט:
די זון זי שײַנט,
מײַן האַרץ איז װאַך,
איך זינג און לאַך,
איך לאַך און זינג,
דו װײסט אַלצדינג,
דו װײסט קײַן זאַך:
עס האָט אַ פֿױגעלע אין שטורעם
געפֿונען זיך אַ דאַך;
עס האָט זיך אין טרוקענעם פֿעלד
אַ בלימעל, װײך און צאַרט,
אױף דעם מאָרגען־טױ דערװאַרט.

V.

כ'בין דערזעלבער, װאָס אַמאָל:
ס'האָט אַ פֿױגעלע אין טהאָל
געזונגען שטיל און ליעב —
עס איז דאָס האַרץ געװעזען אַזױ טריעב
און די װאונד געװעזען טיעף
אין האַרצענס־ברונען,
איז דאָס בלוט מיט װעה גערונען —
און פֿון דאַן
איז די װאונד אין האַרץ פֿאַרהײלט
און עס רינט דאָס בלוט,
און דאָס איז גוט:
פֿאַר דיר מײַן האַרץ,
פֿאַר דיר מײַן בלוט.

VI.

עס געהט, עס קומט, עס איז שוין דאָ...
דער הימעל ריין, דער הימעל בלאָה,
דער פריהלינג לאַכט, דער פריהלינג שוימט —
עס האָבען זיך די פויגעל ניט פערזוימט.
אַ ים דאָס האַרץ, אַ ים די ברוסט,
און שכּור איז די לופט
פון לעבענס־לוסט...
דער הימעל בלאָה, דער פריהלינג שוימט,
עס האָט זיך עמיצן זיסע טרוימען
או ס׳געטרוימט.

פרץ הירשביין.

וואַנדערער-טרוימען.

עס פאַלט דער וואַסער-שטראָם פון הויכען בארג אַראָב, דורך וואָלקען איז זיין וועג — ווער ווייסט זיין שטרעבען און פערשטעהט זיין ווילען?

ער רייסט און ליאַרעמט, רוישט און שטורמט אין זיין פאַלען — — צי לוכט איז זיין וואַסער-אָבקלאַנג, אָדער שמערצען איז זיין גורל?

און זיין וועג איז צום טיפען טאָהל — און זיין וועג יאָגט צום פינסטערען אָבגרונד. אויך די זון שיקט אין איהם באָדען אָהרע שטראַהלען — ברעכט זיך דער שטראָם אין זיינע אָרעמס און צוריק צו דער זון איז דער וועג פערלאָרען...

* * *

כ'האָב דעם ים געזעהן אין זיין רוהען; כ'האָב איהם געזעהן אין ווילדען שטורם. כ'האָב דעם ים געזעהן פערפינסטערט און ערנידערט, און ווען עס רייסט זיך זיין ברוסט פאַר וועהטאָג אויף שטיקער אויך האָב איך זיין שמערצען געפיהלט — אָבער וואָס איז דער וועהטאָג, וואָס דריקט אונז ביידען? און דער שווערער חלום, וואָס פרעסט אונזער ביידענס האַרץ? און דער ביטערער געפיהל, וואָס רייבט אונזער רוה?...

* * *

כ'האב געזעהן די ערד אין פריהלינג, ווען הויך האט זיך איהר פרוכטבארעם ברוסט בעוועגט און צו די שטראהלען פון דער זון געגלוסט... מיט דער פריהלינגס-נאכט זיך אומארמט און פערטרויט דעם סוד פון איהר זיין, פערטרויט דעם סוד פון איהר בליהען — און כ'האב די מוטער ערד געזעהן, ווען איהר פנים איז פערוועלקט געווען, איהר שענקייט ענטרונען; אויף איהר זענען געשטאנען מחנות אבגעשניטענע גארבען און איבער זיי האט געפייפט דער ווינד און געשמיסען דער פערשייטער רעגען...

— צי דען איז דער הייסער זומער געוועזען דער שענער בלומען-מאנטיל, אונטער וועלכען דער טויט האט זיין פנים פערבארגען?

און אזוי געהט עס די שפיל פון פריהלינג און הערבסט, פון בענייען און אבלעבען...

* *

*

כ'האב געזעהן בוימער שוין אויף דער ערד ליגענדיג, נידריג, ביים שטאם אבגעהאקט און די צווייגען אויף זייערע קרוינען האבען נאך אין בליהען געהאלטען און אויף זיי האט דאס ליכט פון דער אויפגעהענדער זון געשפילט; און אויף זיי האט נאך דאס ליכט פון דער שקיעה געלויערט — — — — — — —

כ'האב געזעהן וויינענדע ווערבעס, ווען מען האט זייער קרוין אראבגעהאקט, די צווייגען פערטיליגט, פון דער ערד אבגעשניטען און צום וועג ארויסגעווארפען — און דער לעבענס-לוסט האט זיך אונטער זייער הויט גערעגט: צווייגען נייע האבען פון אלע זייטען געשפראצט און צום לעבען געגלוסט...

— א, איהר ווערבעס פערוויינטע און אייערע צווייגען, וואס רינגלען אייך ארום! אויך אייך האט מען געהייסען פיהלען דעם סוד פון לעבען און טויט און זיין בעשייד ניט צו וויסען?

— א, איהר צווייגען יונגע אויף דעם בוים דעם אויסגעוואר-צעלטען! אויך איהר מוזט פונ'ם לעבען חלומ'ען ביי דער טויטער מוטער אויפ'ן ברוסט? אויך איהר מוזט פונ'ם לעבען חלומ'ען און זיין בעשייד ניט צו וויסען?

* *

*

גאָט דו מיינער! גאָט אַלמעכטיגער! — האָסט מיין האַרץ אויסגעוועהלט דיין וועזען דאָרט אָבצושפּיגלען און ווי זאָל איך עס פערטראָגען? — —

— די זון געהט אויף און די זון פערגעהט, דער טאָג געהט אַוועק און די נאַכט קומט אָן און פאַר דעם אַלעמען זאָל איך מיין האַרץ עפּענען — — —

ס'קאָן דער רוים דעם טאָג מיט דער נאַכט אינאיינעם ניט פערטראָגען און איך מוז פאַר זיי ביידען מיין האַרץ אויפעפענען —

דו קאָנסט אויף דער ערד דעם זומער מיט'ן פריהלינג, דעם הערבסט מיט'ן ווינטער אינאיינעם ניט בעוועצען—און איך האָב פאַר זיי אַלעמען מיין האַרץ אויפגעעפענט...

...און די וואָלקען, וואָס לויערען מחנות, און בעלעגערען דעם וועג צווישען הימעל און ערד — דאַרף איך פאַר די זונענשטראַהלען דורך זיי אַ וועג מאַכען און צו מיר אין מיין האַרצען אַריינגעהמען...

* * *

זאָל מיין נשמה זיין, ווי דער שטראַהל, וואָס באָדט זיך אין דעם טוי-טראָפּען אויף די גראָז-שפּיצען און געבוירען איז ער פון דער זון אַליין —

זאָל מען נשמה זיין, ווי דער רעגען נאָך אַ היסען זומערטאָג, וואָס פרישט אין בעפּרוכפערט וואַלד און פעלד, זאַנגען און בלום...

— און מוז איך אויך דעם שטורם. וואָס פאַר'ן רעגען אין מיין האַרץ אויפנעהמען. — דער געוויטער מיט זיינע דונערען, די פינסטערע וואָלקען מיט זייערע פייערדיגע בליצען, וואָס פערלאַנגען זיי פון מיין האַרצען?

זאָל זייער וואָלקען רוהען אין דער ווּסטע, דאָרט וואו שלאַנגען האָבען זייער רוה — האָט זיך די וויסטע אויך אין מיין האַרץ אויסגעשפּרייט; האָסטו פאַר דער בייזער שלאַנג ביי מיר אין האַרצען אַ וואָהנונג אויסגעבויט...

ווילסטו דיין גאַנצען וועזען אין מיין נשמה אָבשפּיגלען?...

* * *

ל׳האָב געזעהן אַ קינד, וואָס איז צום קוואַל געגאַנגען, דאָרט וואַסער שעפּען און דער מוטער׳ס דורשט צו לעשען. דאָס קינד האָט אין קוואַל זיין אייגענעם פּנים דערזעהן און פאַר איהם אַ ציטער געגעבען — דער קרוג האָט זיך פון איהר האַנד אַרויסגעגליטשט און אין קוואַל אַריינגעפאַלען. דער קרוג האָט אויף אַ וועלע דעם וואַסער־שפּיגעל צובראָכען און דאָס קינד האָט זיך וויינען געזעצט ביים קוואַל וואַרטענדיג... און ווען דאָס וואַסער האָט זיך בערוהיגט, האָט דאָס קינד ביי זיין אייגענעם שאָטען אין וואַסער־שפּיגעל געבעטען, ער זאָל איהם דעם קרוג אַרויסדערלאַנגען — עס בעדאַרף וואַסער שעפּען דער מאַמעס דורשט צו לעשען. נאָר דאָס קינד דערזעהענדיג זיין דערשראָקענע אָבשפּיגלונג אין וואַסער, האָט ווידער וויינען אָנגעהויבען. און אַז די מוטער איז געקומען צום קוואַל און בעגערט צו וויסען, פאַר־וואָס איהר קינד וויינט — האָט דאָס געענטפערט:

— איך וויל נאָך אַזאַ שוועסטער׳ל האָבען, ווי דאָס, וואָס איז אין קוואַל פערבאָרגען.

און האָב׳ נאָך שטאַרקער געוויינט — — — — — — — — —

האָט אין מיין האַרצען אַנ׳אָרט געפונען און דאָס קינדערשע געוויין קלינגט אין מיינע אויערען....

משה טייטש.

* * *

קוק אויף מיר לענגער... ביי דיר אין די אויגען
שפיגלען זיך בילדער פון היימישער ליטא:
וואלקענדלעך לופטיגע, וועלדלעך צושאטענע,
פעלדער געלב-זעמדיגע, נישט קיין געראטענע.

דערפער און דערפלעך, און הינטער די דערפלעך
טייכלעך און מיהלען און ברעזעס פערבענקטע:
אונטער די הימלען מיט שטראהלען פערפיהרענדע,
שווימען די בילדער פערטרויערטע, ריהרענדע.

קוק אויף מיר לענגער... כ'פערשטעה דיך אהן ווערטער,
כ'פיהל דיינע וועהען, דיין בענקעניש פיהל איך:
אין דיינע בליקען, וואס דופטען מיט הערצליכקייט
לעבעדיג זעה איך די היימישע שמערצליכקייט.

אסתר ווידלער.

* *
*

ברענט אין וואַלד אַ פײַערל,
ברענט עס רויט און בלוי:
געה איך אַ פעריתומטע,
ציהט עס מיך אַזוי —

ציהט עס מיך און ציהט עס מיך,
פערבלאָנדזשע איך דאָרט באַלד:
די ליעבע איז דאָס פײַערל,
דאָס לעבען איז דער וואַלד.

ה. ד. נאמבערג.

קריטיקער און עסטעטיקער.

דער גרויסער בעקלין האט געמוזט האבען גענוג פערדרוס אין זיין הארץ, און דער חשק פון נקמה איז איהם לגמרי נישט געווען פרעמד, אויב ער האט זיין בעריהמטען „קריטיקער" אויסגעמאהלט. זינט קינסטלער און קריטיקער לעבען אויף אונזער ערד, האט זי נאך אזא מין נקמה נישט געזעהען.

דאס צוקנייטשטע, צוקנוידערטע פנים מיט די בייזע שלעכטע אויגען, די שארפע געמבע, די גענזענע פעדער צווישען די צוזאמענגעפרעסטע צייהן, — שטעלען פאר דעם „קריטיקער", ווי א ווילדע בייזקייט, א פערדארטעוועטע פערביסענקייט, א גרויל און א שרעק, א מין אלטע מכשפה אין הויזען. וויפיעל צארען און וויפיעל פערדרוס האט זיך געמוזט דורך לאנגע יאהרען אנזאמלען אין הארץ פון קינסטלער, אום צו בעשאפען אט דאס בעשעפעניש-פערזעהעניש!

אט שטעהט ער, דער גרויסער קינסטלער, אין מיטען פון זיין קעניגרייך: דאס קעניגרייך פון פארבען און ליניען. עס שפינען זיך און וועבען די גרויסע חלומות-פאנטאזיעס, וועלטען-וויזיאנען ווערען בעשאפען. א חאאס און א נעפעל איז די גייסטיגע וועלט פון קינסטלער; פון דעם נעפעל בליצען-אויף פערבעהאלטענע געפיהלען, פערשלייערטע אידעען, וואס ער אליין האט קוים א גענויע פארשטעלונג פון זיי, און אט ווערען בעשאפען די פאנטאסטישע בעשעפענישען אויף צו לעבען און צו עקזיסטירען אין א וועלט א העכערער, א מעהר-וואהרהאפטיגער, ווי אט די וועלט, וואס מיר רופען-אן „די ווירקליכקייט"; זיי ווערען בערופען צום לעבען אין דער וועלט פון דער פאנטאזיע, אין דער וועלט פון שעהנהייט, א וועלט, וואס ווייסט נישט

פון צופעליגקייט, פון האַלבקייט און פון דער גאַנצער נישטיגקייט אין דיבהאַרמאָניע פון דעם ווירקליכען טאָג-לעבען... און ווי ער שאַפט אַזוי, קומט-אָן דער-דאָזיגער פרעמדער מענש, קומט מיט דער פעדער פערביסען צווישען די ציינער, און נעהמט טאַפען מיט די הענד, חקירה'נען און פערגלייכען, דאָ האָט ער געפונען אַ חסרון, און דאָרט געפעלט איהם גראָה נוט; אָט דאָס האָט אַזוי געדאַרפט צו זיין, און יענץ איז נישט אָריגינעל; דאָס געהער צו חער שולע, און דאָס איז סימבאָליזם א. א. וו. א. א. וו. נור, באַרמהערציגער גאָט אין הימעל! ווי קומט דער-דאָזיגער מענש אַהער און וואָס בעל-הבית'עוועט ער ביי מיר, אין מיין קעניגרייך? וואָס נעהמט ער זיך מיינע שעפונגען און מעסט זיי אין דער לענג און אין דער ברייט, שטעלט זיי אוים אין שורות און קלעפט-צו צעטעלעך און נומערן? ווער האָט דעם נאַמט איינגענטליך אַריינגעפיהרט אַהער? אַ פרעמדער איז ער דאָך, צעהן מאָל אַ פרעמדער!

נור דער קינסטלער בעוועלטיגט זיין כעס, און אַז עס קומט די ריכטיגע צייט, און דאָס געפיהל ווערט געלייטערט אין גייסט, ווערט דערפון אַ שטאָף אויף אַ נייע שעפונג, — ווערט „דער קריטיקער" בעשאַפען.

נור פרובט פערגלייכט מיט דעם בילד פון „קריטיקער" די פיזיאָנאָמיע פון רעסקין. צי וועט איהר געפינען אַפילו איין געמיינזאַמען שטריך? ניין! דאָס געזיכט איז פונקט דער קאָנטראַסט פון „קריטיקער". ווייכקייט, איידעלקייט, גוטהאַרציגקייט, צאַרטקייט צוזאַמען מיט ערדאַבענקייט, מיט אינערליכער שטאַרקייט און קראַפט— וועט איהר אין דער פיזיאָנאָמיע געפינען. און רעסקין איז דאָך אויך געוועזען אַ קריטיקער? ער האָט דאָך געשריבען פיעל רעצענזיעס און אָבהאַנדלונג וועגען מאָהלעריי און ליטעראַטור, און האָט געלויבט און געטאַדעלט, און ער האָט זיך אַ וועלט-נאָמען פערשאַפט מיט אָט די ליטעראַרישע אַרבייטען זיינע?

דער ענטפער איז: רעסקין איז נישט געוועזען קיין קריטיקער, נור אַן עסטעטיקער, און צווישען די-דאָזיגע צוויי טיפען ליגט אַ גאַנצער תהום.

דער עסטעטיקער איז קיין פרעמדער נישט אין לאַנד פון דער שענהייט. ער איז דאָ אַ בירגער און אַלט-געזעסענער, און עס

טרעפֿט, אַז ער האָט נאָך גרעסערע אויפֿגאַבען אויסצופֿיהרען ווי דער קינסטלער. ער איז בעצם, לויט זיין גאַנצער נאַטור — דער נביא פֿון דער שענהייט. אַלץ וואָס פּאַסירט אין אַט דער וועלט פֿון דער פֿאַנטאַזיע אינטערעסירט און בעריהרט איהם טיעפֿער, ווי אַלץ, וואָס געשעהט זיך אַרום איהם, אין זיין אייגען הויז אַפֿילו. אַט די בעשעפֿענישען, וואָס לעבען אויף דעם ליינוואַנד, אין די פּערזען פֿון דיכטער, אָדער אין מראַמאָר פֿון סקולפּטאָר, זענען איהם פֿיעל נעהנטער, ווי ראובן און שמעון און לוי, וואָס ער זעהט אין דער גאַס, אָדער וואָס ער עסט און טרינקט מיט זיי. נור די ערשטע ווירקען אויף זיין גייסט, פֿערשאַפֿען איהם פֿערגניגען, אָדער צער, נור זיי בעגעסטירען איהם, מאַכען איהם לוסטיג אָדער מרה־שחורהדיג. דאָ זענען זיינע פֿריינד, זיינע נאָהנטע, מיט וועלכע ער מעסט זיין אייגענע הויך און פֿערגלייכט זיך מיט זיי, דאָ געפֿינט ער אויך זיינע געגנער, זיינע פֿיינד. אַלץ דאָ! וואָס אַרט דאָס איהם די גאַנצע וואַכענדיגע, געמיינע, נידריגע וועלט, די וועלט, וואָס רוישט און ליאַרמט, וואָס איז פֿול מיה און אַרבייט און געלויפֿעריי און האָט קיין זין און קיין האַרמאָניע נישט, וואָס די פֿאָרם איהרע איז צופֿעלליג און דער אינהאַלט איז — גאָרנישט?

וואָהרהאַפֿטיג! אויב דער עסטעטיקער איז ערגיץ אַ פֿרעמדער, איז ער עס אין דער וועלט פֿון דער ווירקליכקייט, אין דער ספֿערע פֿון די אינטערעסען און בעציהונגען, וואָס צוזאַמען מאַכען זיי אויס דאָס טעגליכע לעבען און די פּאָליטיק. דאָ בלאָנדזשעט ער, אָריענטירט ער זיך שלעכט און ווייזט נישט אַרויס קיין גרויסע פֿעהיג־קייטען פֿונאַנדערצוקלויבען, אונטערצושיידען, ווייל איהם פֿעהלט דאָ די נאָהנטע בעציהונג. וואָס לויפֿען די מענשען אַזוי, און די פּאָליטיקער, וואָס מאַכען זיי אַזאַ ליאַרעם? צי קאָן מען איבער־בויען די וועלט און צי קאָן מען אויפֿשטעלען די גע־בוידע פֿון דער צוקונפֿט מיט אַט אַזאַ מענשען־מאַטעריאַל און מיט אַזוינע מיטלען? עס איז דאָך קלאָר, ווי דער טאָג: וואָס מעהר אַט אַזוי עס וועט ווערען געאַרבייט, אַלץ אַ גרעסערער חאַאָס וועט אַרויסקומען, פֿון אַט אַזוינע בויערס און פֿון אַזוינע ציגעל קאָן מעהר נישט אַרויסקומען, ווי דער טהורם פֿון דור־הפלגה. אַז ריעסקין רעדט וועגען פּאָליטיק, מאַכט ער דעם

אײַנדרוק פֿון אַ פֿרעמדען, וואָס איז נישט אויף זײַן ריכטיגען אָרט, און זײַן מײנונג איז נישט רעצידירענדיג, פּונקט אַזוי ווי ספּענסער, ווען ער רעדט וועגען פּאָעזיע און שענהייט, אָבער גיט איהם דאָן קישאָט, דעם ה״ר פּויכט, אָדער אַפּילו סאַנחאָ פּאַנחאַ, דעם סאַטיר און די פּעגען פֿון היבענס, און ער דערפֿיהלט זיך באַלד אין אַ מיליע פֿון פֿרײַנד און גוטע בעקאַנטע, וואָס ער קען זיי דורך-און-דורך. וואָס ער האָט מיט זיי אַ גײַסטיגע פֿערבינדונג, נאָהנטע בעציהונגען און אַלטע חשבונות, מיט אײן וואָרט: וואָס זײַן לעבען און די אינטערעסען פֿון זײַן לעבען זענען פֿערקניפּט אָן זיי מיט פֿיעל פֿעדים.

און היפּער, ווען דער עסטעטיקער רעדט וועגען קונסטזאַכען, קריטיקירט ער נישט און ווײַזט נישט און מעסט נישט און ברענגט נישט אַרײַן פֿרעמדע ווערטהען אין דער וועלט פֿון שענהייט; קומט ער נישט מיט דער קרעמערישע אַרשין פֿון נוצליכקייט און קונסט-געזעצען און פֿון פּערזענליכע אָדער געזעלשאַפֿטליכע פּניות צו מעסטען מיט איהר דעם גײַסט און דעם פּראָדוקט פֿון גײַסט. נישט ער פֿערגלײַכט, נישט ער לויבט אָדער שענדט דעם קינסטלער, דעם שעפּפער. וואָס אינטערעסירט איהם די פּערזאָן און וואָס אינטערעסירען איהם די פֿיער כללים פֿון רעכנונג און די געזעצען פֿון דעם שענעם? דער עסטעטיקער קריטיקירט נישט, נור ער לעבט דורך זײַן לעבען, בשעת ווען ער פֿערברענגט מיט די שעפּפונגען פֿון דער קונסט. ער איז אַרײַנגעקומען אין זײַן פּאַלאַץ, וואו ער איז געוועהנט צו טרעפֿען זײַן געליעבטע בעקאַנטע, און אָט האָט ער דערזעהען אַ נײַ פּנים. צי איז דער נײַער גאַסט ווערט, ער זאָל זיך דאָ געפֿינען, אין דער מיליע? — אָט דאָס איז די פֿראַגע וואָס איהם אינטערעסירט. אפשר האָט ער זיך דאָ אַרײַנגעגנב׳עט, אפשר איז ער דאָ אַרײַנגעקומען עפּיס דורך אַ מיספֿערשטענדניש? ער קאָן דאָ פֿערדאַרבען אַליץ, ער וועט איהם איבערפֿיהרען זײַן וואוינונג, אויב ער איז דאָ אַ פֿרעמדער און פּאַסט נישט אַהער. מען וועט מעהר נישט קאָנען אַרײַנקומען! פֿון פּאַלאַץ וועט ווערען אַ פּיש-מאַרק! אָט דאָס איז דער פּראָטעסט, וואָס דערוועקט זיך בײַ איהם אין האַרצען, בשעת ווען ער דערזעהט די געפֿעלשטע קונסט. און דעמאָלט טאַדעלט ער, קריטיקירט און רעדט זעהר בייזע רעד,

קיין שום רחמנות נישט! איהר זענט דאך אויף זיין לעבען געגאנגען!

מען דערצעהלט פון ריעסקין'ען, אז ער האט איינמאל געהאט אנגעשריבען א שארפע קריטיק אויף די „שעפּפונגען" פון א שלעכטען שמירער. די קריטיק איז אבגעדרוקט געווען, און ריעסקין האט זיך איצט צוגעאיילט אין א פריוואטען בריעף צו בעטען ענטשולדיגונג ביים מאהלער. פערשטעהט זיך, ער האט זיינע ווערטער נישט צוריקגענומען. „ענטשולדיגט מיר, אויב איך האב אייך פערשאפט עגמת-נפש, איך האב נישט געמיינט אייך אויפצורעגען". אין אזא טאן איז דער בריעף געווען אנגעשריבען.

ווי איהר זעהט, איז דער עסטעטיקער געווען פערנומען מיט דעם נייעם גאסט פון זיין פאלאץ, מיט דעם שלעכטען לייוואנד; אויף דעם גאסט האט ער זיך דאס אנגעבייזערט, און מיט זיין גאנץ טעמפּעראמענט האט ער איהם ארויסגעיאגט. בשעת ער האט דאס געטהון, האט ער גאר פערגעסען, אז ער בעריהרט עפּיס א לעבעדיגען מיסטער, אמת, א פרעמדער, נור וואס פיהלט דאך און ליידט, אז מען בעליידיגט איהם. דאס האט ער זיך דערמאהנט ערשט שפּעטער, און זיין וועיך ליעבענדיג הארץ האט געליטען דערפון, וואס ער האט נישט-ווילענדיג פערשאפט א מענשען עגמת-נפש, און ער האט געבעטען ענטשולדיגונג. די ערשטע און די צווייטע טהאט האט ער געטהון אויפריכטיג, מיט'ן גאנצען הארץ. א דזשענטעלמען פערשאפט קיינעם נישט קיין עגמת-נפש. נור ווען ריעסקין האט געשריבען זיין קריטיק, איז ער כלל נישט געווען פערנומען מיט דעם מענשען און האט גאר נישט געפיהלט זיין אנוועזענהייט. מען האט איהם פארגעשטעלט א נייעם פריינד, די נייע שעפּפונג, ער האט איהם אנגעקוקט און ער האט דערזעהען א געמיין, אָרדינער וועזען, האט ער איהם נישט דערלאנגט די האנד. האט ער דערווייל פערגעסען, אז דער פאטער פון דעם גאסט, קאן האבען צער דערפון.

דאס איז דער עסטעטיקער. — און דער קריטיקער?

דער קריטיקער איז גראדע דאס, וואס דער עסטעטיקער איז נישט. ער איז דער פרעמדער אין דעם קעניגרייך פון שענהייט, דער מענש, וואס איז געקומען פון גאס מישען זיך אין פרעמדע'ס זאכען, און דעריבער מאכט ער בייז און רעגט-אויף, צי ווען ער לויבט, צי ווען ער טאדעלט, צי ער שרייבט א מאראלישע קריטיק,

א פובליציסטישע און קוועטש-אויס פון דער קונסט-זאך די „זוי-דעע“ און די „טענדענץ“, און נאָכמער רעגט ער אויף, אז ער שרייבט זיין „עסטעטישע“ קריטיק און וועגט און מעסט און פערגלייכט און שאַצט-אָב און קלעבט-צו קוויטלעך מיט אויפשריפטען.

די עסטעטישע קריטיקער! דאָס איז דאָס ערגסטע פון ערגסטען. דער קריטיקער פון אַלטען שניט, דער וואָס פלעגט נעהמען די קונסט-זאך און פלעגט אַרויסנעמען איהר „אינהאַלט“ און איהר „מאָראַל“ — האָט פערמאָגט האָטש א ביסעל תמימות און בעשיידענהייט. ער האָט גענומען דאָס שענע בלימעל און מיט גרויס תמימות האָט ער עס צוגעלעגט צום מויל, ווען וואָסערע טעם עס האָט. ער האָט זיך גאַנץ פשוט געטראַכט, אז אַלע זאַכען אויף דער וועלט זענען בעשאַפען נור דערויף, אז מען זאָל זיי עסען. — אז ס'זענען דאָ אויף דער וועלט זאַכען, וואָס עקזיסטירען אָהן שום „אום מען“, נור אין זיך, פאַר זיך, ווייל זיי זענען שען און עקזיסטענץ-ווערט, וואָס זייער עקזיסטענץ-רעכט ליעגט אין זיי, אין זייער ערהאַבענהייט און שענהייט, — דאָס האָט דער אַלטער גוטער קריטיקער נישט געטראַכט און ער האָט זיך עפּיס ענליכעס נישט געקאָנט פאָרשטעלען. דער קריטיקער אָבער פון נייעם שניט, דער „עסטעטישער“, ווייסט אַלץ! אָה, ער ווייסט שוין גאָר צופיעל! ער איז בעוואָפענט מיט אַלע געזעצען פון דער עסטעטיק, און אַריסטאָטעלעס האָט ער געלייענט און דעם לעצטען פון די לעצטע, און בעוואָפענט מיט אַזוי פיעל „ווסענשאַפט“ פון קאָפּ ביז צו די פיס קומט ער, קומט ווי א געמיינער גאַסען-מענש, פערשייט, ברייטליך, נישט אָנקלאַפענדיג פריהער אַפילו אין טהיר — צוגעוועלטיגען איבער א וועלט, וואָס האָט צו איהם קיין שום שייכות נישט.

און פעהלען פעהלט איהם דאָס סאַמע וויכטיגע — דער זעקסטער חוש פון שענהייט, די פעהיגקייט בטל צו ווערען, צו פערליערען דעם „איך“ אין אָנוועזענהייט פון דעם שענעם און ערהאַבענעם, ער פערמאָגט נישט קיין עסטעטישע אינטערעסען. וואָלט האָמער נישט געשריבען די איליאַדאַ, וואָלט אין זיין לעבען גאָרנישט געפעהלט, איצטער איז עס נישט פולער.

יעדע נייע שעפּפונג, א גוטע צי א שלעכטע, איז נישט קיין געשעהעניש אין זיין לעבען, פערשאַפט איהם נישט צער, אָדער

פערגניגען, נישט זי ברענגט אליין מעהר הארמאניע אין זיין גייסט, אדער פערקעהרט רייסט די הארמאניע. אבער יעדע שעפּונג, צי זי איז גוט, צי זי איז שלעכט, האט פאר איהם נור די איינציגע וויכטיגקייט, וואס ער האט ביי איהר און אין איהר וואס צו טהון, וויל זי מאכט ברייטער דעם קרייז פון זיין אייגענער — דעם קרי־טיקער'ס — טהעטיגקייט. און אין תוך אליין, א גוטע, צי א שלעכטע זאך — האבען א גלייכען ווערט פאר'ן קריטיקער. די ערשטע לויבט ער. די צווייטע טאדעלט ער, און אין ביידע פאלען האט ער ער־פילט זיין „פפליכט"; אין ביידע פאלען קאן ער זיין, ווי אלע נארגים, צופריעדען פון זיך, פון זיין ארבייט און שטאלצירען מיט איהר.

צווישען דעם עסטעטיקער און דעם דיכטער איז פאראן איין וויכטיגער אונטערשיעד. דער דיכטער בעקומט זיינע איינדריקען דירעקט פון לעבען. דאס־דאזיגע לעבען קאן זיין שען אדער העסליך, קריסטאל־ריין, אדער טריעב. דער דיכטער, ווען דער גייסט איז מיט איהם, דערהייבט די לעבענס־איינדריקען און שאפט פון זיי — קונסט און שענהייט. דער עסטעטיקער, פערקעהרט, קומט שוין צום גרייטען, זיינע איינדריקען שעפט ער פון די קונסט־זאכען. ער לעבט אין גאנצען אין דעם „עולם־האצילות". און בשעת דער עסטעטיקער שרייבט, שאפט ער אויך, ענטפלעקט ער זיין אייגען אינערליך לעבען, דריקט־אויס זיין גייסטיגע פערזענליכקייט, וואס בעשטעהט הויפטזעכליך פון שענהייטס־איינדריקען. און דע־ריבער קאן מען אנרופען מיט'ן נאמען „דער נביא פון שענהייט" נור דעם עסטעטיקער, און נישט דעם דיכטער. וויל נור ער איז דער כהן פון אט דעם גאט און פרעדיגט זיין תורה פאר די מענשען. דער דיכטער אבער לעבט זיין לעבען מיט אונז, אויף דער וועלט. און ווי פושקין האט זיך אויסגעדריקט „איז ער טהיילמאל נאך ערגער פאר אונז". נישט שטענדיג איז דאס פערזענליכע לעבען זיינס שען, נישט שטענדיג איז עס ריין און דורכזיכטיג. נור ביי דעם כהן פון גאט פון שענהייט, ביי דעם עסטעטיקער, איז דאס לעבען זיינס, זיינע טהאטען, די ליטעראַרישע ווי די פריוואטע, צוגעפאסט צו זיין הויכען אמט. דער עסטעטיקער איז שטענדיג נעבען זיין מזבח און טראגט שטענדיג די כהונה־קליידער אויף זיך.

דער קריטיקער איז נישט דער שעפער פון שענהייט און נישט דער נביא פון איהר. ער איז — דער „מבין“.

דאס איז דער מענש, וואס די נאז זיינע מאכט פערשיעדענע בעוועגונגען ביי יעדער קונסט־זאך, דער מענש, וואס שמעקט און קרימט זיך, אדער שאקעלט־צו מיט'ן קאפ און פערצעהלט זיין מבינות דעם פובליקום.

דאס איז דער מענש מיט דער פעדער, פערביסען צווישען די צייהן.

דער עסטעטיקער הערוועקט אין אונז די ליעבע צו דעם שענעם, די אבגעטערונג פון דעם העסליכען; ער ווענדעט זיך צו דעם שענהייטס־זין פון לעזער און ווירקט אויף איהם. דער קריטיקער ווירקט אויף דער געמיינער נייגירונג פון די לעזער — אויף זייער נייגיריגקייט, אויף דעם געוועהנליכען בעגעהר פון דעם געוועהנליכען מענשען, וועגען אלעמען אויף דער וועלט צו האבען א פארטיג ווארט — א „מיינונג“.

און דער קריטיקער גיט איהם די „מיינונג“, אפילו ווען דער לעזער קען די זאך כלל ניעט, אפילו ווען ער האט זי אין די אויגען נישט געזעהען און נישט געלייענט.

עס איז אויך איבריג. נאכדעם ווי דער קריטיקער האט איהם שוין געלאזט הערען זיין אויטאריטעטע מיינונג, צו וואס נאך לייענען? צי קאן מען זיך אויף דעם קריטיקער נישט פערלאזען?

דער עסטעטיקער איז שטענדיג געווען א ברודער און א פריינד פון קינסטלער; דער קריטיקער — אן אנשיקעניש.

די גאסען־זינגערין.

(פון יאפאנישען)

צו מיין הויז איז אונטערגעגאנגען א גאסען־זינגערין מיט א סאמיזען*) אין די הענד; געפיהרט האט זי א יונגעלע פון א יאהר זיבען. זי איז געווען אנגעטאן אין פויערשע קליידער, דער קאפ איז געווען ארומגעוויקעלט מיט א בלוי טיכעל. די פרוי איז געווען העסליך פון דער נאטור; אבער די שטארקע סימנים פון פאקען־קראנקהייט האבען איהר געזיכט נאך אבשטויסענדער געמאכט.

איך האב זיך קוים אומגעקוקט אויף דעם אומגעריכטען גאסט, ערשט איך זעה, דער גאנצער הויף איז שוין פול מענשען, און צווישען זיי ניאנקעס מיט קליינע קינדער אויף די אקסלען, אלטעטשקע יאפאנער און יאפאנערינס, עס זענען זיך צונויפגעלאפען אויך די ריקשי**), וואס שטעהען, געוועהנליך, אויפ'ן ראג פון מיין גאס.

די פרוי האט זיך געזעצט אויפ'ן שוועל פון מיין הויז, האט צורעכטגעמאכט דעם סאמיזען און האט גענומען א פאר אקאמפא־נירענדע טאקטען. די צוהערער זענען באלד ווי פערכשופ'ט גע־ווארען: זיי האבען געקוקט איינער דעם צווייטען אין די אויגען אריין, און האבען געשמייכעלט מיט א מערקווירדיגען שמייכעל...

פון די ליפען, וואס זענען אויסגעזייהט געווען מיט גרויסע פאקען־צייכענס, האבען זיך געגאסען צויבערליכע קלאנגען פון א יונגער, טיעפער, אונענדליך־רירענדער און זיסער שטימע.

„זינגט עס א פרוי אדער א וואלד־נימפע?“ — האט געפרעגט איינער פון די צוהערער.

*) א יאפאנישער אינסטרומענט אויף דריי סטרונעס.

**) מענשען, וועלכע שפאנען־זיך־איין אין אזעלכע וועגעלעך צום פיהרען.

ווירקליך א פרוי, אבער א פרוי, וואס בעזיצט גרויסען טאלאנט. זי האט מיט אזוי פיעל קונסט בעהערשט איהר אינסטרומענט, אז זי וואלט איבערגעשטיינט מיט איהר שפיעלען די העכסט-געלערנטע גיישעס. אבער וואו נעהמט מען ביי א גיישע אזא שטימע מיט אזעלכע ליעדער? זי האט געזונגען, ווי עס זינגט דער ערד-ארבייטער אין פעלד, און מיט די ריטמען, האט זיך געדאכט, אהמט זי נאך א ציקאדע אדער א נאכטיגאל; געזונגען האט זי מיט האלב-און פיערטעל-טאנינע אינטערוואלען, וואס אונזער מערבדיגע מוזיקאלישע שפראך וואלט עס קיינמאל ניט קענען געבען.

די פרוי האט געזונגען, און ביי די פערזאמעלטע האבען זיך טרערען געגאסען פון די אויגען. קיין ווערטער האב איך ניט פערשטאנען, אבער הערענדיג די פרויען-שטימע, האב איך גענומען פערשטעהן דעם טרויער, די בענקעניש און די גרויס-געדולדיגקייט פון דער יאפאנישער נשמה; די שטימע האט זיך לייכט אריינגעשלייכט צו מיר אין הארצען און האט זיך דארט אויף עפּעס געקלאגט, עפּעס געוואלט, אפשר עפּעס אזוינס, וואס עס איז גאר קיינמאל-קיינמאל ניט געוועזען... אזוי ווי א שטיל גלעטענדיג ווינטעל וואלט לייכט געפלאטערט ארום; שטום האבען אויפגעליעבט לאנג-פערגעסענע צייטען און ערטער, און האבען זיך צונויפגעפלאכטען מיט עפּעס א פערבארגענעם געפיהל, וואס איז אבגעריסען פון ארט און פון רוים. שפעטער האב איך בעמערקט, אז די זינגערין איז א בלינדע.

אז דאס געזאנג איז אנטשוויגען געווארען, האבען מיר אריינגערופען די פרוי אין הויז אריין און האבען זי גענומען פאנאנדערפרעגען וועגען איהר לעבען.

אמאל האט זי פיין בעסערע צייטען געוואוסט. שפּיעלען אויפ'ן סאמיזען האט זי געקענט נאך אין די יונגע מיידעלשע יאהרען. דאס קליין יונגעלע איז איהרס א זוהן. דער מאן איז א פאראליטיקער; די פאקען-קראנקהייט האט איהר בלינד געמאכט. אבער זי איז זעהר א שטארקע און זי קאן אדורכמאכען א סך מייל צופוס. אז דאס יונגעל ווערט מיעד, טראגט זי איהם אויפ'ן אקסעל. מיט די אייגענע מיטלען איז זי אימשטאנד אויסצוהאלטען, אז דאס קינד, אז דעם

מאַן, וואָס איז צוגעשמיעדט צום בעט. איהר וועהט אַליין — מיט איהר זינגען ריהרט זי אומעטום און אַלעמען ביז טרעהרען; פֿאַר׳ן זינגען בעקומט זי קיפֿערנע מטבעות און עסען. דאָס איז אין קורצען די געשיכטע פֿון איהר לעבען.

מיר האָבען איהר געגעבען עפּיס געלד, האָבען זי אָנגעקאָר=מעט, און דאַן האָט זי דאָס יונגעלע אַוועקגעפֿיהרט.

איך האָב געקויפֿט אַ עקזעמפּלאַר פֿון דער באַלאַדע, וואָס זי האָט געזונגען. דאָרט האָט זיך דערצעהלט די געשיכטע פֿונ׳ם צוויי־פֿאַכיגען מאָרד, וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט אַ קורצע צייט צוריק:

„די טרויעריגע געשיכטע וועגען טאַמאַיאָנע און טאַקעאירא, צו זינגען מיט אַ טרויעריגען ניגון, פֿערפֿאַסט פֿון טאַקאַנאַקאַ יאָגיע, דער פֿיערצעהנטער נומער פֿון דער פֿיערטער אַבטיילונג „ניפּאָן=באַשי“ אין דרום=בעצירק פֿון דער שטאָדט אָסאַקאַ“.

דאָס איז געווען אַ קסילאָגראַפֿיע מיט צוויי קליינע בילדלעך. אויף איין בילדעל איז אויסגעמאָהלט געוועזען אַ יונגעלע מיט אַ מיידעלע, פֿערזונקענע אין טיעפֿען טרויער. דאָס צווייטע האָט פֿאָר=געשטעלט אַ שרייב=טישעל, אויף איהם אַ לאָמפּ, וואָס האַלט ביים אויסלעשען זיך, אַ קאַרטעל, אַ שיסעלע מיט אָנגעצונדענע געווירצען און אַ וואַזע מיט שיקימי — אַזאַ הייליג געוויקס, וואָס ווערט בע=נוצט אין דער צייט פֿון די בודיסטישע יאָהרצייט=קרבנות. פֿון טעקסט, וואָס איז געשריבען געוועזען מיט אַ אייגענאַרטיגען קורסיוו, ענליך צו אַ סטענאָגראַפֿישען געשריפֿטס, קאָן מען איבערזעצען נאָר פֿאָל=גענדע שורות:

„אין דער וועלט=בעוואוסטער שטאָדט אָסאַקאַ האָבען געלעבט אַמאָל טאַמאַיאָנע און טאַקעאירא, ביידע פֿון דער סעקטע שינשו.

אָ, ווי טרויעריג עס איז זייער מזל!

„טאַמאַיאָנע איז געוועזען יונג און שען.

„טאַקעאירא, אַ יונגער אַרבייטער, האָט זי דערזעהן„ און אַז ער האָט זי דערזעהן, האָט ער זי ליעב געקריגען„ זיי האָבען זיך איינע די אַנדערע אייביגע ליעבע צוגעשוואָרען.

אָ, וועה צו יענעם, וואָס ווערט זיך איינליעבען אין אַגיישע!

„אַלס אַ צייכען פֿון ליעבע האָבען זיי זיך אויסגעברענט צוויי דראַקאָנעס אויף די הענד; און דאָס לעבען האָט זיי געשיינט

צו זײַן שען און ליכטיג. אָבער ער איז געװעזען אָרים; ער האָט ניט געהאַט קײן פֿינף־און־פֿופֿציג יען, אױסצוקױפֿען די גײשע.

אָ, אַ צרה האָט זיך בעזעצט אין טאַקעאיראָ'ס האַרץ!

„אױב דער מזל צושײדט זײ אין דעם לעבען, זאָל־זשע דער טױט זײ פֿעראײניגען אין יענעם. זײ שװערען זיך צו אַריבערצוקלײבען זיך צוזאַמען אין מעאידאָ. זײ װײסט, אַז די חברטעס װעלען ברענגען אױף זײער קבר בלומען מיט שמעקעדיגע געװירצען.

אָ װעה, זײ װעלען פֿערשװינדען, אַזױ װי דער מאָרגען־טױ!

„טאַמאַיאָנע הױבט אױף דעם באָקאַל פֿול מיט רײנעם װאַסער — אַזױ פֿערקנסען זיך די פֿער'משפּט'ע צום טױט.

אָ, װי טרױעריג עס איז זײער מזל! װי ביטער עס איז דאָס אונטערגעהן פֿון צװײ יונגע לעבענס!"

אַ געװעהנליכע געשיכטע, דערצעהלט מיט געװעהנליכע װערטער. אָבער די שטימע פֿון דער זינגערין האָט זײ מערקװירדיגע קראַפֿט צוגעגעבען.

די זינגערין איז צוועקגעגאַנגען. אָבער עס האָט זיך געדאַכט, אַז איהר שטימע איז נאָך ניט אַנטשװיגען געװאָרען. זי האָט נאָך אַלץ געקלונגען אין מײן האַרץ און האָט איהם פֿיל געמאַכט מיט טרױער און זיסען גליק. און איך האָב זיך פֿערטראַכט איבער'ן סוד פֿון די מאַגישע קלאַנגען.

איך האָב געטראַכט:

געזאַנג, מעלאָדיען און אין אַלגעמײן מוזיק — דאָס אַלץ איז נאָר דער אונמיטעלבאַרער אױסדריק פֿון אונזערע געפֿיהלען, די װײטערדיגע ענטװיקלונג פֿון דער אוראַלטער שפּראַך, װאָס האָט אין קלאַנגען אױסגעדריקט טרױער, פֿרײד און לײדענשאַפֿט. די דאָזיגע קלאַנגען־שפּראַך װערט מיט דער צײַט אױך איבערגעביטען, פּונקט װי יעדע אַנדערע שפּראַך. דעריבער איז פֿאַראַן אַ סך ניגונים, װאָס װעלען אונז, אײראָפּײער, רײהרען ביז טרעהרען, אָבער פֿאַר'ן אױער פֿון יאַפּאַנער װעלען זײ די קלענסטע בעדײטונג ניט האָבען. זײ קאָנען ניט װעקען קײן האַרציגע סטרונעס בײ אַ פֿאָלק, װאָס זײַן

פּסיחוק איז אַזוי ווײַט פון אונזערער, ווי די פּלויטע פאַרב איז ווײַט פון דער געלער...

פאַר-וואָס אָבער ווירקט אַזוי שטאַרק אויף מיר, אַ פרעמדען אין דעם לאַנד, דאָס דאָזיגע מזרח-ליד, געזונגען פון אַ בלינדע פרוי פון פאָלק — דאָס ליעד, וועלכען איך וואָלט זיך אַפילו ניט קאָנען אויסלערנען צו זינגען?!

מסתמא האָט עפּעס אין דער שטימע פון דער פרוי געקלונגען אַזוינס, וואָס שטעהט העכער און אויסער די געפיהלען פון יעדער בעזונדערער נאַציע, עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ שייכות צום אונ-ענדליכען, ווי דאָס לעבען אַליין, און צום אייביגען, ווי דאָס בע-וואוסטזיין פון גוט און שלעכט.

מיט פינף-און-צוואַנציג יאָהר צוריק האָב איך איינמאָל אין אַ זומער-אָווענד דערהערט אַ מיידעלשע שטימע; דאָס איז געוועזען אין לאָנדאָן, אין פּאַרק; די שטימע האָט זיך צו עמיצען געווענדעט מיט די ווערטער:

— אַ גוטע נאַכט!

צוויי געצעהלטע קורצע ווערטער:

— אַ גוטע נאַכט!

איך האָב ניט געוואוסט, ווער עס רעדט; קיין געזיכט האָב איך ניט געזעהען און מעהר האָב איך קיינמאָל אַפילו די שטימע ניט געהערט.

פון דאַמאָלסט אָן האָבען זיך די צייטען פון יאָהר שוין הונדערט מאָל געביטען. אָבער אויך איצט, ווען איך דערמאָהן זיך די דאָזיגע שטימע, הויבט אָן מיין האַרץ צו פלאַטערען מיט אַ אונפאָר-שטענדליכען צווייפאַכיגען געפיהל, וואָס איז צונויפגעמישט פון פרייד און טרויער, פון טרויער און פרייד. און דאָס דאָזיגע געפיהל איז אָנגעהעריג ניט נאָר אַליין מיין איינצעלנעם לעבען, וואָס האָט אויף אַ רגע אויפגעפלאַקערט — דאָס איז אודאי אָנגעהעריג צו די אַלטע-אַלטע פאַר-עקזיסטענצען און די לאַנג-אויסגעלאָשענע שטע-רען...

ווארום די צויבער-קראַפט פון אַ שטימע, וועלכע מיר האָבען נאָר איינמאָל געהערט, קאָן ניט זיין אָנגעהעריג בלויז צו דער וועלט. דאָס איז גאָר אַן אָפּקלאַנג פון אַ סך ווייטע, פערגעסענע לעבענס. עס איז אודאי קיינמאָל ניט געוועזען קיין צוויי שטימען, וואָס זאָלען אינטאָנאַנצען עהנליך זיין איינע צו דער אַנדערער. אָבער די שפּראַך פון דער ליעבע איז אייביג און איינציג איינע און די זעלבע, איינע און די זעלבע איז די צאַרטקייט פונים ליעבע-וואָרט אין די מיליאָנען שטימען פון דער גאַנצער מענשהייט.

מיט דער קראַפט פון דער געאירשנטער געוואָהנהייט פערשטעהט אַפילו אַ ניי-געבאָרען קינד דעם קלאַנג פון צערטליכקייט. און די קלאַנגען פון סימפּאַטיע, מיט-געפיהל, טרויער — מיר קענען זיי, צוזאַמען מיט דער מאַמעס מילך האָבען מיר איינגעזויגען די דאָזיגע קענטניש. ווי רירט אָן די שטימע פון אַ בלינדער פרוי אויפ'ן ווייטען מזרח אינים האַרצען פון אַ פרעמדען אַזעלכע געפיהלען, וואָס זענען בריטער און טיעפער פון די אינדיווידועלע. זי וועקט אויף דעם שטומען פּאַטאָס פון די פערגעסענע ליידען, די אונבעשטימטע ליעבע-שטרעבונג פון אַנדערע דורות, וואָס זענען שוין ווייט אַוועק אין דער אונענדליכקייט. טויטע שטאַרבען ניט. זיי דרעמלען נאָר אין די סאַמע פינסטערע טיעפענישען פון דער מיעדיגער נשמה, אויפ'ן דעק פונים מאַרך, וואָס איז פערטהון אין זיין אַרבייט, און אַמאָל — זעלטען — האַפּט ער זיך פּלוצלונג אויף פון עפּעס אַן אָפּקלאַנג, וואָס דערמאָנט זיך פון די ווייטע-ווייטע, לאַנג-פערשוואונדענע צייטען.

ר. רוטשיק.

אַ רומעניש ליעד.

ע. וואקארעסקא.

גיעב מיר וואַסער פון דעם ברונען —
ס'מאַטערט זעהר מיך דער דורשט.

איב ס'וועט אויסטריקנען דער ברונען,
בלייבען וועט אונז נאָך דער טייך,
און זאָל זיך שטעלען אויך דער טייך,
איז נאָך דאָ וואַסער אין קוועלע;
אָבער ווען ס'קלאָגט די זעלע,
ווייסט זי קיינמאָל שוין פון טרייסט.
וואָס האָט מיט דיין זעל' געטראָפען?
אָך, געריבט האָט מען איהר גליק,
מ'האָט זיך צו איהר צוגעשלייכט
אין אַ שוואַרצע-שוואַרצע נאַכט —
פינסטער איז געווען דער וועג.

גיב מיר וואַסער פון דעם ברונען,
ס'מאַטערט זעהר מיך דער דורשט.

אויב דאָס שהעלבעלע וועט אויסגײען,
וועט די נאַכטיגאַל נאָך זינגען;
אויב צוקלאַפּען וועט אַ האָגעל
אַלע פעלדער — בלייבט נאָך שטרוי;
נאָר אַז ס'פעהלט אין לעבען ליעבע —
איז שוין דאַן נישטאָ קיין לעבען.
וואָס האָט מיט דיין זעלי זיך געטראָפען?
ער איז געשטאָרבען... מ'האָט איהם
מיט אַ מעסער־שאַרף דערשטאָכען,
מ'האָט פון איהם געפליסט דאָס בלוט.
מיט די הענד האָב איך פערהאַלטען,
נאָר ס'איז דורך די פינגער־שפּאַלטען.

משה טייטש.

צו דער זון.

געבוירען אונטער א שטיין אין דער געבעלדיגער טיעפעניש פון א גרויסען געדיכטען וואלד, לאזט זיך באלד דאס טייכעל ערגיץ לויפען אין דער פינסטער אונטער ברייט-בלעטערדיגע פאפאראטניקעס, איבער ביינערדיגע ווארצלען פון הונדערט-יעהריגע, אומגעלומפערט-צעוואקסענע שטאמען.

און אמאל איז עס מיושב'דיג איינגעהאלטען, ווי עפעס בעטראכטענדיג, ווי עפעס ארומקוקענדיג. און אמאל פערליערט עס די געדולד, און די וועלעכלעך צוטאנצען זיך, צושוימען זיך פלוצלונג מיט אונצופריעדענעם געמורמעל און הילכיגע טענות קעגען עמיצען, קעגען עפעס, אזוי ווי זיי וואלטען וועלען, וואס גיכער ארויסרייסען זיך פון דעם פינסטערען וואלד-כשוף, אנ'אויסגאנג אין דער ליכטיגקייט געפינען. אבער וואס ווייטער פערפלאנטעט זיך דאס טייכעל אלץ מעהרער אין וואלד, און ארום זעהט עס נאר שטאמען, פערצויגענע מיט מאך, אזוי ווי מיט א שפין-געוועב. נור געדיכטע נעבלען, וואס הענגען אין דער לופטען, אזוי ווי פאנטאסטישע בעוועגליכע דעכער, וואס געוועלבלען זיך אמאל נידעריגער, א מאל העכער, און עס קומען אפט חיות צום טייכעל און פויגעל קומען זייער דארשט צו שטילען. און דאס טייכעל איז א שמאלס, אבער גענוג טיעף, און די וואסערלעך זענען פעך-שווארץ, אבער קריסטאל-ריין, און די טראפענס בלישטשען, ווי שווארצע דימאנטען.

און עס געהען יאהרען נאך יאהרען, און די יאהרען זענען בין-השמשות'דיגע, אין געדיכטע גראהע וואסער-נעבלען איינגע-

הילטע, און דאס טייכעל איז שווארץ און טרויעריג, עלענד און פעריאוש׳ט.

און עס פלעגט זיך טרעפען ווינטער אמאל — אונטען איז די ערד פערדעקט מיט א זילבער-נעץ פון פרעכטעל-טויען; עס איז קאלט; דא און דארט שיכט אוים א בוים א קאלטען פונקטען שאם און מאכט ציטערען די פערגליווערטע ליפט; אויבען איז א טומעל, א רעש, פונקט ווי גאנצע חילות וואלטען דארט איבער די שפיצען אויף רייטוועגענער ארומגעפאהרען. הערט זיך צו דאס וואסער צו דער זאווערוכע אויבען, הויבט ארויף זיינע שווארצע אומרוהיגע אויגען, און וויל עפעס, און פרעגט עפעס, און פלוצלונג — א הויפען קלאר-ווייסער שניי פליהט געשווינד אראב אין דער נידער, אזוי ווי אנ׳אומגעריכטער, א פרעהליכער גאסט, ווערט צופלויגען אין א גאנצען זייל פון זילבער-שטויבלעך, וואס ווארפען זיך, איינע די אנדערע איבעריאגענדיג, געשיקט און שטיפעריש אין טייכעל אריין, און דערצעהלען איינע די אנדערע איבערהאקענדיג:

— אין לויטער ווייסען, לויטער זילבער פוצען זיך די קעפ פון די בוימער, און זיי בלאנקען קאלט און רוהיג, שטאלץ און רוהיג קעגען דעם פערגליווערטען בלייערנעם הימעל-געוועלב, העלער פונ׳ם הימעל, לויטערער פונ׳ם הימעל, און זיי חלומ׳ען דעם ווייסען ווינטער-חלום. און עס שטורעמען ווינדען, שטורעם-ווינדען, און עס פאלען שנייען פון די הימעלשע אוצרות און זיי בלישטשען אין די שטראהלען פון דער זון און שפיעלען זיך אין די שענסטע פארבען-שפיעלען. א שאקעל גיט אונז א פייגעל פונ׳ם צווייגעל, און מיר פאלען אין דער נידער און צופאלען אין דער פינסטער, און מיר געהען און פערגעהען, ווי א חלום, ווי א שוים.

און עס פלעגט זיך טרעפען אין פריהלינג אמאל — עס פאלען גרינע שוואכע בלעטעלעך פון די בוימער דורך די אונבעקאנטע פינסטערניש, פאלען אריין אין די פעך-שווארצע וועלעלעך, ווערען צונויפגעשרומפען פון קעלט און גיפטיגען וואסער-אטהעם, און שעפטשען פלאטערענדע, פערחלשט׳ע:

— אויבען שווימט די זון אין איהר גאלדענער שיף און עס שווימען וואלקען-קאראוואנען, אנגעלאדענע מיט זילבער-העלען הימעל-פראכט, און ווינטלעך גלעטען דעם סאמעט פון די בלעטלעך

און דערצעהלען וואונדערליכע מזרח־מעשיות אין די שפּיצען פון די בוימער, און א גאנצען טאג באדען זיך די גרינע בוימער־קעפּ אין א ים פון בלאָע הימעל־וועלען, בעשפּריצטע מיט גאָלדענעם שטראַהלען־שוים. א פריהלינגס־געוויטער האט זיך הורכגעטראָגען דורכ'ן וואלד, האט ער אונז פונ'ם צווייגעל אָבגעריסען און מיר שטארבען, און מיר שטארבען...

אין הערבסט פלעגען אָפטער און געדיכטער פאלען בלעטלעך, און זיי פלעגען זיין געלבע, פערוויאַלעטע, גאַנצע מחנות פלעגען זיי אראָבפאלען, ווי טויטע געלבע שמעטערלינגען, אויפ'ן טייכעל.. און פלעגען ווידער דערצעהלען, און ווידער דאמעלבע, אָבער אנדערש פלעגט עס ביי זיי קלינגען, רוהיגער און שטילער פלעגט עס קלינגען:

— געטרונקען האבען מיר דעם בעכער פון ליכט און וואַרימקייט, אויסגעטרונקען דעם בעכער ביז דעק, און שכור זענען מיר געוואָרען פון שמעקעדיגע זאפטען און פרישע ריחות. די זון האט אונז מיט איהרע ברענענדע ליידענשאפטליכע ליפּען געקושט, און מיר פער־געהען אינ'ם קושען, און מיר שטארבען, און מיר שטארבען...

און די פויגעל, וואס פלעגען זיך אראָבלאָזען אָנטרינקען זיך צום טייכעל, פלעגען צווישען זיך עפּעס רעדען, עפּעס דערצעהלען, מונטער און לעבעדיג, זוניג און טאנצענדיג, און באלד פלעגען זיי ווידער געבען א פלאַטער און צוריק אויפהויבען זיך אין דער הויך, און מיט זיי צוזאמען פלעגט דער סוד פון דער זון ווערען ווידער פערוועהט און פערשוואונדען, פערוועהט און פערפלויגען, אזוי ווי א מעשה'לע, אזוי ווי א זעהונג.

און ביי יעדען אראָבגעפאלענעם בלעטעל, ביי יעדען ניי־געקומענעם פויגעל, פלעגט דאָס טייכעל א ציטער טהון מיט אלע זיינע וואַסערלעך פונ'ם פלאך ביז דער טיעף, פון דער טיעף ביז'ן פלאך, — און וואס אמאל איז אלץ גרעסער און פעריאָשיטער גע־וואָרען דאס בענקעניש, וואס דאס טייכעל האט אין דער טיעפעניש פון זיינע וואסערען געטראָגען. —

דאס טייכעל האט נאך קיינמאל אין זיין לעבען די זון ניט געזעהען.

טעג זענען געגאַנגען, וואָכען האָבען זיך אויף וואָכען געביטען, און אַלע זענען זיי די זעלבע בין־השמשות׳דיגע געוועזען. האָט זיך איינמאָל אין אַ נעבעלדיגען פֿרימאָרגען גאָר אומגעריכט דורכגעטראָגען אַ טעמפּער קלאַפּ אין דער לופֿטען און האָט שטום אָבגעהילכט אין גאַנצען וואַלד פֿון עק ביז עק, און דער גאַנצער וואַלד האָט פּלוצלונג ווי פֿון אַ שלעכטען פֿאָרגעפֿיהל געגעבען אַ ציטער. אָבער דער ערשטער קלאַפּ האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו פֿערקלינגען, ווי עס האָט זיך דורכגעטראָגען אַ צווייטער קלאַפּ, אַ דריטער און אַ פֿיערטער, און וואָס ווייטער זענען די קלעפּ געוואָרען אַלץ פֿעסטער און זיכערער — און באַלד איז ערגעץ אין דער אומגעגענד מיט אַ הודשעריי און פֿייפֿעריי אַנידערגעפֿאַלען אַ בוים אויף דער ערד...

און וואָס ווייטער זענען אַלץ פֿלייסיגער געוואָרען די קלעפּ, און ערגעץ זענען בוימער אָפֿטער געפֿאַלען און אַ גאַנצען טאָג האָט אין וואַלד שטאָהל און אייזען געקלינגען, שטאָהל און אייזען האָט דעם וואַלד פֿערקלינגען.

די פֿויגעל פֿליעגען נאָך ווי פֿריהער קומען טרינקען צום טייכעל, און חיות פֿליעגען קומען, אָבער אומרוהיג פֿליעגט זיין זייער קומען, און נאָך אומרוהיגער זייער אַוועקגעהן — —

און דאָס טייכעל האָט מיט פֿערוואונדערונג און געהיימע פּלאַטערניש געהערט, ווי די קלעפּ ווערען אַלץ אָפֿטער און נאָהענטער, הערען זיך שוין פֿון עטליכע זייטען, און דאָס פּלאַטערענד, אומרוהיג־אָנגעשטרענגט טייכעל האָט בעמערקט און ניט בעמערקט, אַז עפּעס ווערט ווי ווייסער אין וואַלד, ווי העלער... וואָס זאָל דאָס בעדייטען? און עס ווילט זיך איהם גלויבען, און עס קאָן זיך ניט גלויבען, אַז דאָס ווערט ענדליך זיין לאַנג־געהאָפֿטער חלום אויסגעהאָפֿט?

...האַק־הוק! האַק־הוק! האָט איינמאָל אַ פֿרימאָרגען דאָס שלומערענדע טייכעל סאַמע איבער זיינע וועלעכלעך דאָס קלאַפּען דערהערט און האָט זיך אַ צוציטערטעס פֿון שלאָף אויפֿגעכאַפּט. עס עפֿענט דורשטיג זיינע שוואַרצע טיעפֿע אויגען פֿאַנאַנדער: די אומבעקאַנטע געסט זענען שוין האַרט נעבען טייכעל געוועזען. אין רויטע העמדלעך, מיט הויכע בלישטשענדיגע שטיוועל, מיט ברייטע

בערד, אזוי ווי די לאפּיטעס, האבען זיי מיט זיבערע בעוועגונגען ארויף און אראב זייערע קרומע העק געהויבען — האק־הוק! האק־הוק! און די בוימער ארום טייכעל האבען זיך גענומען אראבלאזען איינס נאכ'ן אנדערען און מיט יעדען נייען אויסגעהאקטען בוים, האט דאס טייכעל בעמערקט, הויבען אן די נעבלען צושווימען, די שאטענס צולויפען זיך, עס ווערט ליכטיגער און העלער. האק־הוק! האק־הוק! א בוים נאך א בוים — יא, דאס איז ער, דער טאג, וואס האט אזוי לאנג דארט אויבען, אין די קעפּ פון די בוימער פערבראכט און ענדליך האט ער מיט זיינע ליכטיגע ברייט־געעפענטע אויגען גלייך אריינגעקוקט אין די שווארצע פינסטערע אויגען פונ'ם טייכעל, און דאס וואסערדיגע הארץ פונ'ם טייכעל האט גענומען צאפּלען, צאפּלען... עס פאלט נאך א בוים און נאך איינער, און דאס טייכעל ווערט מיט איינמאל פערבלענדעט פון א גאנצער חוואליע גאלדענע שטראהלען. די זון! די זון! — האט דאס טייכעל א פלאטער געגעבען פון פלאך ביז דער טיעף, און האט ברייט פאר דער זון זיינע וואסערדיגע ארעמס פאנאנדערגעעפענט.

און די זון, וואס האט זיך מיט א פערפיהרערישען שמייכעל אויף די בעגאלדעטע וואסערלעך אראבגעלאזט, האט זיך שטיפעריש אויפ'ן גרונד א נורע געטהון, און איז, א דערפרישטע, א צופלאמטע, אין די שלאנקע וואסער־ארעמס געבליבען ליגען.

דאמאלסט איז אנהויב פריהלינג געוועזען.

אזוי ווי עס עפענט ברייט פאנאנדער זיינע אויגען דער בלינדער, וואס איז פלוצלונג זעהענדיג געווארען, כדי אריינצוזאפּען אין זיך וואס מעהר שטראהלען, אזוי האט זיך דאס טייכעל מיט אלע זיינע וואסער־גלידער פאר דער זון פאנאנדערגעעפענט. אין אומגעגענד האבען די שנייען שנעל גענומען אבראמען א וועג פאר'ן פריהלינג. זענען ווי פלינקע בשורה־ברענגער פון אלע זייטען שטראמענווייז געלאפען און שפּילענדיג און שאלענדיג האבען זיי זיך מיט ליעדער־כארען אין טייכעל אריינגעגאסען, און וואס אמאל איז דאס טייכעל געווארען אלץ פולער און פרעהליכער און שטיפענדיגער און האט זיך איבער די ברעגעס געהויבען, אזוי ווי עס וואלט זיך וועלען פון די

ברעגעס ארויסרייסען און ערגעץ צוזאמען מיט זיין פריה בערשווי-מען. די ארבייט פון די האלצהעקער איז שוין לאנג צו ענדע געווען. ארום האט זיך געליכטיגט א גרויס לעדיג פלאץ, און דאס טייכעל האט געזעהען אויפ'ן וואהר די אלע מעשה'לעך, וואס די פאלענדע בלעטלעך און פליהענדע פויגעל פלעגען איהם אנדער-צעהלען יאהר-איין, יאהר-אויס, און עס האט געהאלטען אין די ארעמס די זון פון אויפגאנג ביז אונטערגאנג, און ביי דער היסער ברוסט פון דער זון פלעגט עס ווארימען זיינע אייז-קאלטע וואס-סערלעך. און דורך נאכט פלעגט עס מיט אומגעדולד ווארטען, ביז די זון פלעגט זיך ווידער אומקעהרען און אויפ'ן טייכעל איהרע בליקען ווארפען. אבער ווארטען פלעגט איהם יעדען מאל אויס-קומען אלץ ווייניגער: די נעכט זענען געווארען קירצער, די טעג לענגער און די זון — הארציגער און הייסער, הארציגער און ליידענ-שאפטליכער. די שטראמען פון ארום זענען שוין לאנג אראבגע-גאסען געווארען, דאס טייכעל איז אין די ברעגעס אריין און די וואסערלעך זענען געווארען אלץ ווארימער און ווארימער, און האבען זיך פלאטערענדע ארויף צו די הימלען, אין געשטאלט פון קוים-בעמערקבארע וואסער-שטויבלעך געצויגען. —

דער זומער האט וואס ווייטער אלץ זיכערער זיינע טריט אויף בערגער און טהאלען געשטעלט.

דאן האט זיך ארום טייכעל א נייע לעבען אנגעהויבען. שטאט די מענשען מיט די רויטע העמדלעך און קודלאטע בערד, וואס האבען פריהער דעם וואלד געהאקט, זענען געקומען אנדערע אין שווארצע לייווענטענע העמדער מיט בארוויסע פערשמירטע פיס און האבען זיך צום אבגערייניגטען פלאץ אויף זייער אופן גענומען. א פריהער האבען זיי די ווארצלען ארויסגעצויגען פון דער אב-געטריקענטער ערד, קינדער האבען זיי אין שייטערהויפענס צונויפ-געטראגען און אוועקגעלאזט מיט'ן רויך, און אז די יונגערע זענען מיט דער ארבייט געווארען פארטיג, זענען ווידער געקומען די עלטערע, דאס מאל שוין מיט פערד און וואגען, און האבען מיט זיך אנגעפיהרט גאנצע וועגען געצייג מיט שטעכעדיגע שפיצען און

בלאַנקענדיגע שאַרפֿען. און דאַן האָבען זיי גענומען צוגרייטען די ערד צו אַ נייעם, פֿרוכטבאַרען לעבען. לאַנגע שוואַרצע באַראָזנעס האָבען זיך פֿון איין עק פֿעלד ביז'ן צווייטען געצויגען, און איבער די באַראָזנעס זענען שוואַרצע ראָבען מיט האַלקעס אומגעשפרונגען, האָבען אין די באַראָזנעס חיונה געזוכט. און אַז די ערד האָט דעם געהעריגען פּנים בעקומען, איז אַרוים איינער מיט אַ קערבעל אי־בער'ן אַקסעל אַריבערגעוואָרפֿען, האָט זיך ביים טייכעל אַוועקגע־שטעלט, האָט די אויגען צום הימעל אויפֿגעהויבען און האָט אַ תּפלה געזאָגט. דערנאָך האָט ער זיך צום זייהען גענומען. אָבער נאָך איידער די פֿערזייהטע תּבואות זענען אויפֿגעגאַנגען, זענען שוין די ברעגען פֿון טייכעל לאַנג בעדעקט געוועזען מיט אַ צודעק פֿון פֿערשיעדען־פֿאַרביגע בלימלעך: געלע, בלאָע, ווייסע, און האָבען איינס צו די אַנדערע מיט אַ קינדערשען שמייכעל געשמייכעלט. און דאָס טייכעל האָט אַנ'אויסזעהן פֿון אַנ'אויסגעציערטע כּלה בעקומען, און האָט זיך געטוליעט צו די זון־בעשטראַהלטע ברעגען, און זיינע ליידענשאַפֿטליכע חוואַליעס זענען אונערמידליך צו דער זון געווען אויסגעשטרעקט. ווי פֿריהער פֿלעגען פֿויגעל קומען זיך אָנטרינקען צום טייכעל, אָבער זיי פֿלעגען שוין קיין נייע בשורות פֿאַר'ן טייכעל ניט ברענגען, און דאָס טייכעל פֿלעגט זיי כּמעט ניט בעמערקען. און אין די דופּטיגע זומער־אָוועגדען פֿלעגען מענשען קומען צום טייכעל, פֿלעגען עפּעס רעדען, אין עפּעס פֿערקלערען זיך, אָבער דאָס טייכעל פֿלעגט זיי כּמעט ניט בעמערקען. מיט אַ שטילען ליעד פֿלעגט דאָס טייכעל בעגעגענען די זון אין דער־פֿריה, מיט אַ שטילען ליעד פֿלעגט זיך עס זעגענען מיט דער זון אין אָווענד, און אַ גאַנצען טאָג פֿלעגט זיך עס מיט זיינע לופּטיגע וואַסער־אָרעמס צום הימעל ציהען, אַזוי ווי מיט פֿינגער פֿלעגט זיך עס ציהען, אַזוי ווי אויך פֿליגלען פֿלעגט עס שוועבען, און דינע וואַסער־שטויבלעך האָבען זיך, שכור'ע פֿון ליכט און שטראַהלען, לאַנגזאַם און זיכער, לאַנגזאַם און שטראַהלענדיג, צו די הימלען געצויגען.

און די פּאַסטוכער, וואָס פֿלעגען ברענגען צוטרייבען זייערע שעפּסען אָנטרינקען זיך צום טייכעל, פֿלעגען זיך יעדעס מאָל מיט פֿערטראַכטע בליקען אַרומקוקען און פֿלעגען טרויעריג בעמערקען:

— דאָס טייכעלע דאַרט.

און די פֿאַרבײַפֿליִענדע פֿויגל פֿליִען מיט אַ שטילן ווײ־טאָג באַמערקן:

— דאָס טײַכעלע גוסס'ט.

און עס פֿליִט ווערן טאָג, און עס פֿליִט ווערן נאַכט און ווידער טאָג, און די גסיסה איז געווען אַ ליכטיקע, אַ שטראַלנדיקע, און די וואַרעמע ווינטלעך פֿליִען יעדן מאָל פֿאַרטראָגן אין זייערע אָרעמס גאַנצע חוואַליעס באַפֿליגלטע וואַסער־שטויב, וואָס פֿליִען פֿאַרגיין אין די קוישן פֿון דער פֿלאַם־פֿײַערדיקער זון. און יעדן מאָל, ווען די זון פֿליִט אַרויסגיין אין דער־פֿרי אויפֿ'ן הימל, פֿליִט זי געפֿינען, עס הייבט זיך אין דער הייך, אין געשטאַלט פֿון אַ ווײַס־גראָען נעבל דער וואַרעמער וואַסער־אָטעם, וואָס דאָס טײַכל האָט דורך דער נאַכט אַרויסגעהויכט —

עס זענען געשטאַנען די הייסטע זומער־טעג איבער דעם אויסגעדאַקטן וואַלד.

און אַז די פּאַסטוכער האָבן איינמאָל אַ פֿרימאָרגן ווידער זייערע שעפּסן צום טײַכל געבראַכט, האָבן זיי דאָס בעט פֿונ'ם טײַכל אַ ליידיקעס געפֿונען. אין דער לופֿטן האָט זיך נאָך די פֿאַרגייענדע נשמה פֿונ'ם טײַכל אין דעם געשטאַלט פֿון אַ לײַכט פֿלאַטערנד וואָלקנדל צום הימל געצויגן.

דאָס טײַכל איז אין די ליכטיקע הויכן פֿאַרשוואונדן.

אפרים קאגאנאווסקי.

מיידלעך.

I.

מיין ערשטער דורכפאל.

(א מעשה).

כ'בין אמאל געוועזן אַניאַרענטליך יונגעל, מיט נייע, גלייכע אָרבעל, שטענדיג ריין־געפוצטע קאמאשען, פון וועלכע ס'האט געגלאנצט חער שוה־וואקס, מיט א גלייכען קאפעליוש, וואס איז געוועזן איינגעקנייטשט פונקט אין־דער־מיט, און האט געהאט א פארם פון א שבתדיגען סטרוצעל...

כ'האב זיך געלערנט לייענען פוילישע ביכלעך; געפאלגט דעם טאטען א גאנג, אָדער אויפגעצויגען א רעכנונג'ל פאר דער מאמען ...

און געגענאיבער, אינ'ם איינשטאקיגען הויז, מיט'ן גאניק'ל אין גאס אריין, האט געוואוינט פעסעלע, ר' גארפינקעל'ס טעלטער'ל, מיט בלויע אויגען און גאלדענע האר...

ס'פערשטעהט זיך, אז זי האט מיר געפאלען.

איינמאל זיץ איך ביים פענסטער, פארנאכט, ווי מיין שטייגער איז געוועזן, און שרייב־אן א פאר פערטלען פאפיער, צו קריגען אַנ'אויסגעשריבענע האנד, — דערזעה איך פעסעלען געגענאיבער — גליצט זיך מיר די פען פון דער האנד ארויס, ס'האט מיר פאר די אויגען א מיש געטהון...

זי איז געשטאַנען האַלב־ײַנגעשפּאַרט מיט די ווייסע הענטלעך איבער'ן גאַניק, אין אַ ווייס, לייכט בלוזקעלע, אַ שוואַרץ פאַרטוכל פון אויבען, מיט די בלויע אויגען געקוקט אין ערגיץ ניט.

זי ווייסט, אַז זי געפעלט מיר...

ס'פערשטעהט זיך, אַז כ'האָב שוין פונ'ם פענסטער ניט גע־קאָנט אָבטרעטען, ביז ס'האָבען זיך בעוויזען אויפ'ן גאַניק מעדהלעך חברטעס, מיט וועלכע זי, פעסעלע, איז געגאַנגען שפּאַצירען..

איינמאָל האָט זיך אין אונזער גאַס אַ קינד מיט אַ ביינדעל געוואָרגען. דאָס גאַנצע שטעדטעל איז זיך צוזאַמענגעלאָפען, איך אויך — צווישען עולם דערזעה איך פעסעלען. און כאָטש כ'האָב זי טאָג־אויס־טאָג דורכ'ן פענסטער געזעהן, האָט זי יעצט פאַר מיר אַנאַנדער פּנים געהאַט — ס'האָט מיך אַ היץ בעשלאָגען, כ'האָב קוים געקאָנט דעם אָטעם כאַפּען.

— זי ווייסען? ס'קינד האָט זיך שיער דערשטיקט! — האָב איך פלוצלונג דערהערט אַ קלינגענדיג שטימעלע הינטער מיר.

כ'האָב אַ ציטער געטהון. און דערזעהענדיג פעסעלען, האָב איך קוים אַרויסגעשטאַמעלט:

— יאָ, יאָ, מ'דאַרף זיין אָסטראָזשנע!

דאָס וואָרט „אָסטראָזשנע“ האָב איך, צוליעב איידעלקייט און פּוילישקייט, אַרויסגערעדט אַזוי שאַרף, אַז ס'האָט אויש פער־ענדיגט מיט אַ פייף...

זעהט־אויס, אַז פעסעלע האָט שוין מעהר ניט געהאַט וואָס צו פרעגען, זי האָט נור אויף מיר געקוקט — איך האָב חאָטש גע־פיהלט, און מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ און מיט אַ מאָדנער צופרידענהייט זיך שנעל אָבגעטראָגען אַהיים...

איינמאָל פאַרנאַכט, צוגעהענדיג צום פענסטער, דערזעה איך, אַז פעסעלע שטעהט, אויסגעפוצט און מיט אַ ווייס שירמ'ל אין דער האַנד, צום שפּאַציר.

אַליין ניט וויסענדיג פאַרוואָס, האָב איך דערפיהלט, אַז דאָס

האָט עפּיס אַנאָנגהאַנג מיט מיר. און ווירקליך, אייִדער כ׳האָב בע-
קלערט ווי אַזוי, — פעסעלע גיט שוין אַ צייכען מיט דער האַנט,
כ׳זאָל אַרויסגעהן, און געהן גלייך מיט׳ן געסעל

פעסעלע איז פערשוואונדען.

איך האָב זיך די האָר פערקעמט, פאָרזיכטיג אָנגעטהון דעם קאַפּעליוש, ווי כ׳וואָלט געוואָלט צודעקען אַ זאַך, וואָס קאָן פון אונטער די הענד אַוועקפליהען.

כ׳בין אַרויס פון שטוב.

אַרויסקומענדיג מיט אַ קלאַפּענדיגעם האַרץ אויף דער גאַס, האָב איך געזעהן פון הערוויַיטען געהן פעסעלען; לאַנגזאַם האָט זי געשפּרייזט, שטעלענדיג דאָס שירמ׳ל פאָרויס...

ס׳איז אַ קיהלער זומער-פאַרנאַכט געווען. אויבען, אויפ׳ן טונקעל-בלויען הימעל, האָבען זיך שטילע טונקעלע וואָלקענדלעך געצויגען, און צווישען זיי האָבען בלייך-גאָלדענע שטערען געפינקעלט...

מענשען האָבען לאַנגזאַם שפּאַצירט. אַט פאָהרט אין זיין בריצקע „פאַן האַלאָווסקי" דער אַפּטייקער, מיט׳ן יודישען ווייב, ער בוקט זיך אַרויס פון דער בריצקע, און לאַכט מיט׳ן שוואַרצען בויך פון די יודישע הייזלעך מיט די אַראָפּגעהאַנגענע, צובראָכענע לאַדען...

איך געה שנעל, דאָס האַרץ וואַרפט זיך אין ערוואַרטונג — אַט דאָרט געהט פעסעלע, און איך נאָך איהר.

אינ׳ם עק פונ׳ם לעצטען געסעל, וואו ס׳וואוינט דער „פאָטאָגראַפיסט" מיט די בלויע פענסטער-שויבען, וואו ס׳שפּאַצירען אַרום ציגען נעבען די בעגרינטע פּלויטען, און מעקען מיט זייערע שוואַכע, יודישע שטימעלעך, קעהרט זיך פעסעלע צוריק אום, און געהט גלייך קעגען מיר...

כ׳הערפיהל, ווי מיינע פיס הויבען זיך שפּרינגענדיג; אַט הויב איך אָן צו ענטלויפען פון האַנגען: „וואָס וועל איך איהר ענטפערן, ווען זי וועט מיך עפּעס פרעגען?" — און אַרום האַרץ קיצעלט עפּיס, זאָגט עפּיס צו. אַ היץ בעשלאָגט מיך, און כ׳בלייב פּלוצלונג שטעהן...

פעסעלע איז צוגעקומען צו מיר. זי איז שטעהן געבליבען. מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגען האָט זי געזאָגט:

— וואָס טהוען זי דאָ?

כ'האָב ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. יעצט בין איך שוין געווען זיכער, אַז כ'האָב געהאַט אַ טעות, אַז פעסעלע האָט מיך ניט געטראָפען. — „טאָ צו וואָס פאַר אַ טייוועל בין איך איהר נאָכגעקראָכען? פאַסט דאָס פאַר אַנאָרענטליך יונגעל?“...

כ'האָב אַרויסגעשטאַמעלט:

— אַ ביסעל שפּאַצירען... אויף דער לופט...

— איך געה אויך שפּאַצירען...

כ'האָב געשמייכעלט.

— קומען זי... זי געהען? — האָט פעסעלע געזאָגט.

כ'בין געגאַנגען מיט איהר.

מיר זענען געגאַנגען הינטער'ן שטעדטעל. ערטערווייז זענען געלעגען שטיקער גרינע פעלד מיט ליימיגע, מוטנע „גלינקע-וואַסער-לעך“, פון אַ ניט-ווייטער „צעגעלניע“, וואָס האָט זיך געצייכענט אינ'ם הימעל אַריין, מיט אַ הויכען שוואַרץ-פערוויכערטען קוימען; אַרום זענען געלעגען אָנגעוואָרפענע קופעס שטיינער, האַלבע ציגעל...

פעסעלע איז געגאַנגען נעבען מיר, לאַנגזאַם, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען, אַרויסשטעלענדיג פריהער דאָס ווייסע שירט'ל...

אַ ווינדטעל האָט געוועהט אויף אונז, עפּיס אַ מאָדנע געפיהל האָט געצאַפּעלט אין מיר, כ'האָב זיך געפיהלט ניט פריי, ווי געבונדען; ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ווען פעסעלע זאָל מיך יעצט בעפרייען, אַוועקגעהן פון מיר, וואָלט איך פריי אָבגעאָטעמט; כ'בין געווען זיכער, אַז פּלוצלינג וועט זי מיך געבען אַ פראַגע עפּיס אַזעלכעס, וואָס כ'וועל ניט וויסען, וואָס צו ענטפערן, — דאָך איז מיר געווען אַזוי מאָדנע גוט....

מיר זענען געגאַנגען ווייט אונטער'ן שטעדטעל. פעסעלע האָט געפרעגט:

— זי האָבען גערעכענט, אַז מיר זאָלען היינט געהן צוזאַמען שפּאַצירען?...

— כ'האָב געוואוסט, אַז מיר וועלען זיך טרעפען....

זי האָט דראָבנע געלאַכט, מיט קליינע, קלאָרע ציינדלעך...

— אַזוי... און ווי רופט מען איהן?...

— מיך?... לייב'ל...

— ווי, לייביל... לעאָן...

כ'האָב זי ניט איבערגעשפּאַרט. זי האָט געשמייכעלט

— מיך רופט מען פּאָלציע!...

מיר זענען ווייטער געגאַנגען, איך האָב געפרעגט:

— זי לייענען פּויליש?

— אַ פראַגע, נאָר וואָס דען?

— איך אויך...

זי האָט געזאָגט, קוקענדיג זייטיג אויף מיר:

— כ'לעז היינט אַ ביכעל... אַ, כ'האָב פערגעסען, ווי דאָס הייסט... כ'זאָג אייך, אַזאַ גוט ביכעל, ס'ווילט מיך אַזוי, בלויז ליעבעס...

דאָ בין איך געבליבען אָהן ווערטער, ווייל דאָס וואָס איך האָב געוואָלט זאָגען, האָט זי געזאָגט.

— איך אויך... — האָב איך שטיל און פערלירען ווי נאָכ־געזאָגט...

ס'האָט ניט לאַנג געדויערט, זענען אָנגעקומען עטלכע מעדלעך, פּעסעלע'ס חברטעס, און מיר אַלע צוזאַמען זענען אַוועקגעגאַנגען ווייט אין פעלד אַריין און זיך אויסגעזעצט אין'ן גראָז.

פּעסעלע האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר אירע אַלע חברטעס, אַ לאַנגע צייט זענען מיר אַלע געזעסען, און געשוויגען; און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע וואַרטען, איך זאָל עפּיס זאָגען; כ'האָב אָנגעהויבען ליידען דערפון. נאָר פּלוצלונג, איך ווייס אַליין ניט צו וואָס, האָב איך אַרויסגעשלעפּט פון דער בוזעם־קעשענע אַ בלעטעל פון אַ העפט, אויף וועלכען ס'איז געווען עפּיס אָנגעשריבען אויף פּויליש, און, ווייזענדיג עס פּעסעלען, אַ זאָג געטהון:

— ס'געפעלט אייך מיין האַנדשריפט?...

— אָ, זעהר אַ שענע האַנדשריפט...

דאָס בלעטעל איז דערווייל געגאַנגען פון איין האַנד צו דער צווייטער. וואָס אַמאָל, איז געוואָרען שטילער. די מעדלעך האָבען זיך גענומען איבערקוקען מיט ברייט־געעפענטע אויגען, און פּלוצלונג האָבען אַלע אויסגעשאָסען אין איין קלינגענדיג געלעכטער...

אַ היץ האָט מיך בעשלאָגען. כ'האָב געפיהלט, ווי מיין פּנים

האָט זיך פאַרקרימט אין אַ ווײנענדיגען שמײכעל, און נעהמענדיג דאָס בלעטעל פון פּעסעלע'ס האַנד, האָב איך געמורמעלט:

— וואָס לאַכען זי... כ'שרײב ניט שען?...

— אָ, זעהר אַ שענע — חאַ-חאַ-חאַ — האַנדשריפט! — האָבען עטליכע געענטפערט. און ווי מיט האַמערס איבער'ן קאָפּ, האָט מיר געקלאַפּט דאָס הילכיגע געלעכטער פון די מעדלעך...

די מעדלעך זענען אָבער באַלד שטיל געוואָרען, גאָר שטיל, אַזוי, אַז מיר האָט זיך גע[illegible], אַז זיי האָבען זיך צו עפּעס אָנגערעדט...

עטליכע מעדלעך האָבען פאַר-זיך שטיל אונטערגעזונגען, און געקוקט אײנע אויף די צווײטע מיט אײנגעהאַלטענע שמײכעלעך; און פּלוצלונג האָב איך דערפיהלט, ווי מ'האָט מיר אַ שנעל געטהון הינטען אין אויער אַרײן. כ'האָב זיך האַסטיג אומגעקוקט, און מיט אַ תמ'עוואַטען שמײכעל אָנגעקוקט די מעדלעך. אויסדרעהענדיג דעם קאָפּ, האָב איך אָבער געכאַפּט אַ שנעל אין צווײטען אויער אַרײן; דער שנעל האָט שוין אַ בריה געטהון. כ'האָב זיך אַ חאַפּ געטהון און דערזעהן, ווי פּעסעלע כאַפּט-אַוועק ס'העפטעל...

ס'האָט מיך פאַרקלעמט בײם האַרץ, און כ'האָב געשמײכעלט מיט טרערען אין די אויגען...

אויסדרעהענדיג דעם קאָפּ, האָט זיך מײן נאָז אָנגעשלאָגען אין אַ שטײף-אָנגעשטעלטען פינגער פון אַ מעדעל. דאָ האָב איך שוין אַ קרעכץ געטהון, און קרעכצענדיג זיך געבעטען:

— אוי, אוי, הערען זי אויף... הערען זי אויף...

די מעדלעך האָבען זיך צוקאַלערט אין אַלע זײטען פאַר געלעכטער...

— נו שוין, נו שוין! — האָט מיך פּעסעלע בערוהיגט און מיר אַ לײכטען גלעט געטהון איבער'ן פּנים...

דער גלעט פון איהר ווײסען הענדטעל האָט מיך טאַקי אינגאַנצען בערוהיגט, און כ'האָב זיך צושמײכעלט מיט גלאַנציגע אויגען פון טרערען...

די מעדלעך, דערזעהענדיג דאָס, האָבען מיך אָנגעהויבען גלע-

טען אַזוי שנעל, אַז כ'האָב זיך אײַנגאַנצען אױסגעצױגען אױף דער ערד, אַזוי ווי אַ הינטעל, ווען מ'גלעט עס איבער'ן בײַכעל...

אַ קיצעלדיגער ציטער איז מיר דורכגעלאָפען איבער'ן לײַב. און כ'האָב ווײַטער אָנגעהויבען בעטען:

— אוי, אוי! הערען זי אויף... הערען זי אויף...

— נו שוין, נו שוין! — האָט מיך פֿעסעלע בערוהיגט, און זיך צוגעזעצט נעהענטער צו מיר. זי איז געזעסען אַזוי נאָהענט, אַז איהר קניע איז געווען אָנגעשפּאַרט אין מײַנער, און כ'ווייס ניט פֿאַרוואָס דאָס האָט מיר דעם אָטעם פֿערכאַפּט, — כ'האָב שוין מעהר ניט געקאָנט עטעמען... כ'האָב זיך אַ ביסעל אָפּגערוקט.

די מעדלעך זענען גאָר שטיל געוואָרען, פֿעסעלע האָט זיך צוגערוקט.

איך רוק זיך — זי נאָך מיר, און זי קוקט אויף מיר מיט אַזעלכע אויגען, אַז איך הייב־אָן מורא האָבען פֿאַר איהר...

ערשט רוקען זיך אַלע מעדלעך אַרום מיר, איך בלײַב אין דער מיט, אַרומגערינגעלט פֿון אַלע זײַטען, און אַ מעדעל אַ קליינס, אַ פֿלינקס, מיט אַ שפּיציג גאָמבעלע, מיט קליינע, שנעלע ציינדלעך, לעגט מיר אַרויף אַ הענטעל אויף דער פּלייצע, און רעדט שנעל, מיט די קליינע נייע ציינדלעך:

— זינגען זי עפּיס, פּאַניע לעאָן!

— יאָ, יאָ, זינגען זי עפּיס, פּאַניע לעאָן! -- העלפֿט־אונטער פֿעסעלע, און דריקט מיר שטאַרקער צו די קניע מיט איהרער; און אַלע מיט־אַ־מאָל, הויבען מיך אָן צו גלעטען, צו רײַסען און צו שלעפּען: „זינגען זי עפּיס! זינגען זי עפּיס!"... און מיר פֿערדרעהט זיך דער קאָפּ, כ'ווער ווי פֿערשכורט, און ס'דאַכט מיר, אַז מ'קאָלערט מיך, מ'קאָלערט מיך! און ווער ווייסט, ווי מ'וועט מיך נאָך פֿערקאָלערן...

— אוי! — גיב איך אַ געשריי; מ'האָט מיר, דאַכט זיך, פֿון הינטען געגעבען אַ שטאָך מיט אַ שפּילקע — ווער שטעכט?!...

איין מעדעל האָט זיך הילכיג צולאַכט, און אַ צווייטע האָט שטיל אַ זאָג געטהון:

— הער אויף... הער אויף...

און ווײַטער פֿיהל איך, ווי מ'קאַליעט מיך, אַט הורך אַ גרוב, אַט אויף אַ שטיין; אין קאָפּ רוישט מיר, ס'איז מיר שרעקליך הײַס.

— זינגען די עפּיס! זינגען די עפּיס! — הער איך, ווי מ'שרײַט איבער מיר; און איך הער ווי איך זינג, דער צונג דרעהט זיך מיר שנעל:

— לאַ—לאַ—לאַ—לאַ=לאַ...

ס'איז שוין געווען גוט נאַכט.

אַרום אויף די „גליקעס" איז שוין פֿינסטער געווען. אין דער הויכער, שוואַרצער ציגעלניע-קוימען האָט ווי אַ ביזע, גרויסע שרעק געטאָרטשעט אין ביינאַכטיגען הימעל אַרײַן. כ'בין געזעסען אײַנגעבאַקט צווישען די מעדלעך, אַ שטילע היץ האָט זיך אין מיר געגאָסען.

ס'איז געווען שטיל.

כ'האָב געפֿיהלט, ווי פּעסעלעס האַנד גליטשט זיך איבער מײַן קאָפּ.

פֿלוצלינג האָט זיך פּעסעלע צוגעבויגען צו מיר, און אַנדערע קליינע, ווייכע פֿינגערלעך האָבען מיר אָנגעהויבען קיצלען, — אויפֿ'ן האַלז, אונטער'ן קאַלנער. כ'האָב דעם קאָפּ טיעף אין די אַקסלען אַרײַנגעגראָבען, און געשמייכעלט. איהר הייסער אָטעם האָט געוועהט איבער מײַן נאָז און ליפּען; אַ מיעדיגקייט האָט זיך צוגאָסען אין אַלע מײַנע גלידער, און מיעד-אויסציהענדיג זיך, האָב איך זיך געבעטען:

— אוי, אוי, ס'איז מיר הייס... לאָזען זי מיך אָפּ...

— באַלד, באַלד, ס'איז ניט הייס! — האָט ייסעלע מאָדנע שווער אַרויסגערעדט, און מיך אַזוי שטאַרק אָנגענומען אויבען בײַ דער האַנד, אַז כ'בין אַזש אויפֿגעשפּרונגען; נאָר די מעדלעך האָבען מיך רוהיג און לאַנגזאַם צוריק אויסגעצויגען...

כ'בין געבליבען ליגען מיעד, און ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מ'גיעסט אויף מיר וואַרעם וואַסער...

פּעסעלע האָט זיך נאָך אַ מאָל צוגעבויגען צו מיר, און פֿלוצלינג געפֿרעגט:

— איך בין אַ שענע?

— אוי, אוי, זענען זי אַ שענע...

— און איך? — האָט אַ צווייטע געפרעגט.

— אויך!...

— נו, און איך? — האָט זיך צוגעבויגען האָס שנעלע מיידעלי, מיט די נייע ציינדלעך.

זי האָט מיך אין דער מינוט געשראָקען, זי האָט אויסגעזעהען, ווי אַ ווייכל ווייך הינטעל; ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי האָט אויף דעם שמאָלען, שפּיציגען גאָמבעלע אייניציגע, ווײַסע, גלייך־געשפּראָצטע וואָנסעלעך...

— אוי! מוזעט בייסען! — האָב איך אַ געשריי געטהון, און מיין קאָפּ איז פּלוצלונג אַרויסגעפאַלען אויף עפּיס ווייכעס, וואַרעמעס...

און ווייטער האָב איך דערפיהלט, ווי מ'קאָלערט מיך, באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָב, און אין האַלז איז אַזוי דים, ווי כ'וואָלט געטרונקען האָניג... כ'האָב אויפגעהויבען אַ האַנד, און אָנווייזענדיג אויף פּעסעלע'ס האַלז, האָב איך אַרויסגערעדט מיט אַזאַ שטימע, ווי עס רעדט איינער, וואָס מ'קיצעלט איהם:

— אוי, האָבען... זי... דאָ שען...

— נו, טאָ ריהרען זי אָן... — האָט פּעסעלע שנעל געענטפערט, אַראָבלאָזענדיג צו מיר איהר קלאָרען, ווייכען האַלז.

— הע... הע... ריהרען? — האָב איך זיך צושמייכעלט.

— נו, יאָ, ריהרען זי אָן... — זי האָט געוואָלט אָנגעהמען מיין האַנד, נאָר איך האָב זי שנעל בעהאַלטען...

אין אַ מינוט אַרום האָב איך ווידער אָנגעוויזען מיט אַ האַנד אויף פּעסעלע'ס קיילעכיגען אַקסעל:

— ק—כע... און דאָ האָבען... זי אויך אַזוי שען...

— נו, ריהרען זי אָן... פּאַניע לעאָן!... — איז פּעסעלע צו מיר צוגעשטאַנען מיט אַ מאָדנע ערנסט, זי האָט אָנגעכאַפּט מיין האַנד, און מיט איהר אַ פיהר געטהון פון איהר האַלז — ביז איבער'ן ביוסט...

— נו, רירען זי אָן...

איך בין אויפֿגעשפּרונגען, ס'האָט מיר אַ מיש געטאָן פֿאַר די אויגען, ס'האָט מיר געדאַכט, אַז כ'טאַנץ מיטן קאָפּ אויף דר'ערד און מיט די פֿיס אַרויף... פּעסעלע האָט מיך נאָך פֿעסט געהאַלטען פֿאַר אַנאַרבעל, און אײַנגעשפּאַרט געמורמעלט:

— אַז מ'זאָגט אָנרירען... רירט מען אָן...

איך בין אײַנגאַנצען צעטומלט געוואָרען, כ'האָב אָנגעהויבען טאַנצען, מיט די פֿיס אויף איין אָרט, געוואָרפֿען מיט די הענד, און געשריגען:

— אוי, איך וויל ניט... לאָזען זי מיך אָב...

די מיידלעך האָבען זיך מיט ברייט-געעפֿענטע אויגען איבער-געקוקט, עטליכע האָבען זיך שטיל און אײַנגעהאַלטען צולאַכט.

און פּעסעלע האָט מיך נאָך אַלץ געהאַלטען פֿאַר אַנאַרבעל, און אײַנגעשפּאַרט געמורמעלט:

— אַז מ'זאָגט אָנרירען...

— מײַן באָבע איז מיר געשטאָרבען! — האָט איין מיידעל אַ געשריי געטאָן, און האָט מיר דערלאַנגט איבערן קאַפּעליוש, וועלכער איז מיר אַריבער איבער דער נאָז, קאַליע מאַכענדיג דעם סטרויצעל-פֿאָרם...

כ'האָב שוין פֿאַר זיך ניט געזעהן קיין מיידלעך, נאָר קלאָרע, קליינע הענטלעך האָבען זיך געפּלאָטשען איבער מײַן קאָפּ, לײַכטע, פֿליהענדיגע בליקעלעך האָבען געפּלאַטערט איבער מיר, און דאָס האָט מיר אַזוי וועה געטאָן...

כ'האָב זיך מיט אַלע כחות אַרויסגעריסען פֿון פּעסעלע'ס הענט, און גענומען לויפֿען אַהיים, נאָר חאָ האָבען זיך די מיידלעך אַ לאָז געטאָן נאָך מיר, ווי אַ חברה טײַוואָלאָנים. כ'בין געלאָפֿען מיט אַ פֿערהאַלטענעם אָטעם, שטעלענדיג טריט ווי אויף שטיגען...

— או—ר—ר—ראַ! „פּאַצעט“! „האַנדשריפֿט“!... — האָב איך געהערט הינטער זיך אַ געשריי, וואָס האָט זיך פֿערענדיגט מיט אַ הילכיג געלעכטער.

— או—ר—ר—ר—אַ! „פּאַצעט“! „האַנדשריפֿט“!..

מיט אַ קאַלטען שווייס אויפ'ן גאַנצען לייב, בין איך אַהיים געקומען. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך זיך אין היץ געוואָרפען. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיין האַנד גליטש זיך איבער'ן קלאָרען, ווייכען האַלז און ביוסט פון פעגעלע'ן, און מיינע ליפען האָבען געמורמעלט:

— אוי, אוי, הערען זי אויף... הערען זי אויף...

אויף מאָרגען אין-דער-פריה, ווען איך בין דורכגעגאַנגען דורך דער „רעזורע", מיט די מאַטע מילך-שויבען, איז „איגנאַץ" דער שווערער געשטאַנען פאַר דער טהיר, מיט אַ ווייסער וועסט, אין אַ גלייכען, פייכטען שרינט פערקעמט. דערזעהענדיג מיך, האָט ער זיך אַ נויג געטהון, מיט אַ שמייכעל אין די גלאַנציגע אויגען, און אַ זאָג געטהון צו מיר אויף פויליש:

— „צאָ סליכאַטש, פאַניע האַנדשריפט?"...

האַקאַטאַ.

(פֿון יאַפּאַנישען).

קוים מאַכסטו אַ רייזע אין אַקורומע, דאַן קאָנסטו נאָר בע-
אַבאַכטען און פֿאַנטאַזירען. לעזען איז שווער, ווייל עס טרייסעלט
און דאָס קלאַפּען פֿון די רעדער מיט'ן גערויש פֿון ווינד מאַכען אונ-
מעגליך צו פֿיהרען אַ שמועס, ווען דער וועג זאָל אַפֿילו זיין גענוג
ברייט פֿאַר צוויי פֿוהרלעך.

האָסטו איינמאָל געהאַט די געלעגענהייט צו בעקענען זיך מיט
די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פֿון די יאַפּאַנישע פּייזאַזשען, מאַכען
זיי אויף דיר קיין איינדרוק ניט מעהר. דער וועג דרעהט זיך
כסדר איינאָרטיג פֿאַרביי רייז-פֿעלדער, גערטנער, קליינע דערפֿלעך
מיט הייזלעך, געדעקטע מיט ראָגאָזשעס און פֿאַרביי אַ אונענדליכער
קייט פֿון גרינע און בלויע בערגלעך. דאָ און דאָרט ווערט זיך דיין
אויג אָבשטעלען אויף אַ פֿאַרביגען פֿלעק אויפ'ן פֿעלד, וואָס איז
בעדעקט מיט בליהענדע ריבען, אַזוי ווי מיט ברענענדיגע געלע פֿלאַ-
מען, אָדער אויף אַ טהאָל מיט העלע ליליע-בלומען. דאָס איז אָבער
נור אַ פֿאַרבייפֿליהענדער געשאַנק פֿון דער שנעל-פֿליסענדיגער צייט.
געוועהנליך אָבער קאָן דיין געפֿיהל מיט קיין זאַך נישט ענטפֿערען אויף
די אונענדליכע גרינע איינאָרטיגקייט. פֿערוויגט פֿיינ'ם ווינד, ווערסטו
פֿערזונקען אין דרעמלענדיגע חלומות, ביז עס וועקט דיך ווידער
ניט פֿאַנאַנדער אַ העפֿטיגער שטויס.

פֿונקט אַזוי האָב איך מיך געפֿיהלט דאָס יאָהר, ווען איך
האָב דורכגעמאַכט מיין רייזע קיין האַקאַטאַ. די לופֿט איז פֿול מיט
זומער-פֿויגעלעך, מיין בליק בעגלייט אַ סך וועגען, וואָס ציהען זיך
ווי צוויי-פֿיגעלאַכטענע נעצען איבער די אונענדליכע רייז-פֿעלדער.

אויף רעכטס און אויף לינקס ציהען זיך אָהן אַ סוף און ווערען פֿערשוואונדען אין דער ווייט אַריין, הינטער'ן פּאַס פֿון האָריזאָנט. איך זעה די ליניען פֿון די בעקאַנטע בערג־שפּיצען, וואָס צייכענען זיך קוים אויפ'ן בלישטשענדיגען גרונד און איך בעטראַכט די ווייסע פֿאָרמען, וואָס שווימען אין דער בלויקייט פֿון הימעל און בייטען זיך אימער און איביג. איך פֿרעג: איז מיר נאָך לאַנג בעשערט צו בעטראַכטען דעם געגענד פֿון קיו־שו? און די נשמה מיינע בעט און דאָרשטעט נאָך וואונדער.

באַלד אָבער חאַפּט מיך אַרום דער פּלוצלונגדיגער געדאַנק, אַז עס איז ווירקליך ניטאָ קיין וואונדערליכערע זאַך פֿון דער גרינער וועלט, וואָס איז פֿול מיט די פֿערשידענסטע לעבענס־ערשיינונגען. וואו דו קעהרסט זיך, זעהסטו, פֿון אומעטום שפּאַרט אַרויס דאָס גרינע לעבען — פֿון דער וויכער ערד, פֿון אונטער די שטיינער און פֿעלזען. ווי פֿערשידענאַרטיג עס זענען די שטומע געוויקסען, וואָס האָבען זיך בעוויזען אַ סך פֿריהער פֿאַר'ן מענשען! דאָס אויסערליכע לעבען זייערס איז אונז טיילווייז בעקאַנט; מיר האָבען זיי קלאַסיפֿיצירט און האָבען זיי נעמען געגעבען. מיר האָבען קענען געלערנט דעם געבוי פֿון די בלעטער, פֿון די פּירות; מיר האָבען זיך אויך דערטראַכט צו די איביגע געזעצען, לויט וועלכע עס ווערט בעשאַפֿען דאָס אויסערליכע געשטאַלט פֿון די געגענשטאַנדען. אָבער ווייסען מיר דען, וואָ ר ו ם זיי עקזיסטירען? ווען'ס מיסטישער ווילען עס איז אויסגעדריקט אין דער אוניווערזאַלער גרינער וועלט? און וואָס, אייגענטליך, ליעגט דער גרויסער סוד פֿון איביגער פֿערמעהרונג? און אפשר לעבט אויך דאָס, וואָס מיר נעהמען אָן פֿאַר טויט, נאָר מיט אַ שווייגזאַמען, פֿערשלאָסענעם לעבען?

אָבער עס איז פֿאַראַן אַ לעבען פֿולער און סודות'דיגער פֿון דעם, וואָס מיר קענען — יענץ לעבען טראָגט זיך אום אויף די פֿליגעל פֿון ווינד און אויף די וועלען, און עס בעזיצט אַ גייסטיגע קראַפֿט, וואָס דערהויבט איהם איבער דער ערד; אָבער די ערד רופֿט איהם יעדען מאָל ווידער צוריק און בעפֿעהלט איהם צו שפּייזען דאָס וואָס עס האָט איהם אַליין אַמאָל ערצויגען. דאָס לעבען פֿיהלט, ווייסט, קריכט, שווימט, לויפֿט, פֿליהט, און דענקט. איהר פֿיעל־אַרטיגקייט איז אונצעהלבאַר. דאָס גרינע פֿוילע לעבען שטרעבט נור

צום זיין. אָבער דאָס צווייטע לעבען קעמפּפֿט איבער קעגען דעם ניט-זיין. מיר קענען דעם מעכאַניזם פֿון איהרע בעוועגונגען, די געזעצען פֿון איהר וואוקס. די דינסטע שטריכען פֿון איהר געבוי זענען פֿאַר אונז אָפֿען, אַלע געביטען פֿון איהרע עמפּפֿינדליכקייטען זענען ביי אונז פֿערצייכענט מיט אַ נאָמען. ווער וועט אָבער אויפֿ-דעקען דעם זין פֿון יענעם לעבען? פֿון וועלכען אורשפּרונג איז די אַרויסגערופֿען געוואָרען? אָדער איינפֿאַכער געזאָגט: וואָס איז עס אַזוינס? צו וואָס דאַרף עס ליידען? פֿאַר-וואָס צייטיגט זיך עס אין ליידען?

דאָס לעבען פֿון ליידען — דאָס איז אונזער לעבען. עס זעהט און ווייסט נאָר פֿערהעלטנישמעסיג. אַבסאָלוט אָבער איז עס בלינד און וואַנדעלט אין דער פֿינסטער, פּונקט ווי דאָס קאַלטע, גרינע לעבען, וואָס שפּייזט איהם. אָבער צי שפּייזט עס ווידער עפּעס אַ העכערען זיין, עפּעס אַ אונזעהבאַרען, טעטיגען העכערען לעבען? צי טראָגט נישט אַמאָל איין לעבען דאָס צווייטע אין זיך — און אַזוי אָהן אַ סוף? צי עקזיסטירען ניט אַמאָל וועלטען, וואָס דרינגען דורך אין דער זעלבער צייט אויך אַנדערע וועלטען?

אָבער אין אונזער צייט זענען די גרענעצען פֿון דעם מענשליכען וויסען פֿעסט בעשטימט, און דער ענטפֿער אויף די אַלע פֿראַגען ליעגט ווייט אַריבער דער גרענעץ פֿון אונזערע מעגליכקייטען. פֿון וואָס בעשטעהען אָבער די גרענעצען פֿון אונזערע מעגליכקייטען? דאָס איז אונזער מענשליכע נאַטור. צי וועט אָבער די זעלבע נאַטור אונזערע בלייבען אַזוי בעגרענצט אויך פֿאַר די, וואָס וועלען נאָך אונז קומען? צי וועלען זיך אין זיי ניט ענטוויקלען אַמאָל עפּיס העכערע געפֿיהלען, צי וועלען זייערע פֿעהיגקייטען ניט ווערען אַמאָל גרעסער, זייער עמפּפֿינדליכקייט שאַרפֿער? וואָס זאָגט וועגען דעם די וויסענשאַפֿט?

מעגליך, אַז מיר וועלען טיילווייז געפֿינען אַן ענטפֿער אויף די אַלע פֿראַגען אין דעם טיעפֿזיניגען אויסדרוק פֿון קליפֿאָרד:

— מיר זענען גאָר קיינמאָל ניט בעשאַפֿען געוואָרען, מיר האָבען זיך נאָר אַליין בעשאַפֿען.

דאָס איז ווירקליך די טיעפֿסטע אָנמערקונג פֿון דער וויסענ-שאַפֿט. און צו וואָס האָט זיך דער מענש בעשאַפֿען? כדי אַז מ-

צומיידען ליידען און טויט. נאָר אונטער דעם הויכען דרוק פון ליידען האָט זיך אויסגעבילדעט אונזער מהות. און כל זמן עס לעבען די ליידען מוז אויך פאַרקומען די אונאויפהערליכע אַרבייט פון אונזער גייסטיגען וואַקסען.

אַמאָל, אין דער ווייטער פערגאַנגענהייט, זענען די לעבענס-בעדערפנישען געווען הויפּטזאַך פיזישע. איצט זענען אויסגעוואַקסען בעדערפנישען אויך מאָראַלישע און גייסטיגע. און אין דער צוקונפט וועט די בעדערפניש אויפצודעקען דעם סוד פון דער וועלט אדאי־ווערען די גרעסטע נויטווענדיגקייט.

דער גרעסטער דענקער, וואָס האָט אונז געזאָגט, פאַרוואָס עס איז אונמעגליך אויפצודעקען דעם סוד, האָט אונז אויך דערצעהלט, אַז דער דורשט אויפצודעקען דעם סוד מוז ווייטער געהן און וואַקסען צוזאַמען מיט'ן וואוקס פונ'ם מענשליכען גייסט. און אין דער נויטווענדיגקייט ליעגט שוין פערבאָרגען אויך דער קערן פון האָפנונג. און אפשר קאָן דער מענש ענטוויקלען אין זיך מיט דער הילף פון דער וויסענשאַפט, מיט דער הילף פון די העכערע פאָרמען פון די צוקונפטיגע ליידען — אַנדערע פעהיגקייטען און אַרויסהייבען אין זיך אַנדערע קרעפטען און דערגרייכען אַזעלכע זאַכען, וואָס שיינען איצט צו זיין אונדערגרייכבאַר, פאָראויסזעהן דאָס אונזעהבאַרע איצט? אונז, מענשען פון דער געגענוואַרט, האָט געמאַכט פאַר אַזעלכע, וואָס מיר זענען, אונזער בענקעניש, אונזער שטרעבען. פאַר-וואָס זשע זאָלען אונזערע קינדער ווירקליך ניט דערגרייכען יענע זאַכען, צו וועלכע מיר אַליין שטרעבען ביי היינטיגען טאָג אָהן ערפאָלג?

איך בין אין האַקאַטאַ, אַ שטאָדט פון גאַרטעל-וועבער. דאָס איז אַ גרויסע שטאָדט מיט אויסגעקרימטע שמאָלע געסלעך, וואָס פערוואונדערען אייך מיט זייערע מערקווירדיגע, רייכע ליכט-עפעקטען.

איך שטעל זיך אָב אויף דער גאַס „תפלות צו גאָט“ און איך זעה — אַ בראָנזענער גיגאַנטען-קאָפּ — בודא'ס קאָפּ — שמייכעלט צו מיר פון אָפענע טויערען. די טויערען פיהרען אין טעמפעל פון דער יאָדאָ-סעקטע. דער קאָפּ איז זעהר אַ שענער, אָבער קיין קער=

פער איז נאָך ניטאָ. דער פּיעדעסטאַל, אויף וועלכען עס שטעהט דער קאָפּ, איז בעדעקט מיט טויזענדער מעטאַל-שפּיגלען. אויף די טיערען זעה איך אַן אויפשריפט, וואָס ערקלערט מיר די זאַך פון די שפּיגלען.

די שפּיגלען — דאָס זענען קרבנות, וואָס די פרויען ברענגען דער גיגאַנטען-סטאַטוע פון דעם זיצענדיגען בודא. די הויך פון דער סטאַטוע צוזאַמען מיט'ן לאָטאָס, אויף וועלכען זי וועט אײַנגע-שטעלט ווערען, איז אויסגערעכענט אויף 35 פוס; און אַלײן וועט אויסגעגאָסען ווערען פון די בראָנזענע שפּיגלען, וואָס מען ברענגט צונויף. אויפ'ן קאָפּ האָט מען שוין צושמאָלצען הונדערטער שפּיג-לען, ביז מען וועט ענדיגען די גאַנצע אַרבײַט וועט נאָך אַוועקגעהן מיליאָנען אַנדערע שפּיגלען.

קאָן דען עמיצער זאָגען, נאָך דעם אַלעמען, אַז דער בודיזם ווערט אויסגעלאָשען?

אָבער דאָס פרעהט מיך ניט: כדי צו בעשאַפען אַזאַ גראַנדיעזע סטאַטוע, וועט מען צופיעל מוזען פערניכטען. די יאַפּאַנישע מעטאַלענע שפּיגלען זענען דאָך אַזוי שען און קינסטלעריש. צום בעדויערען, הויבט מען זיי אָן פערבײַטען די לעצטע צײַט אויף די אָבשטויסענדע ביליגע מערב-אויסאַרבײַטונגען. נאָר יענער, וואָס פער-שטעהט ווירקליך די שענקײַט פון דער פאָרם, קאָן גענוי אָבשאַצען, ווי טרעפענד עס איז דער מזרח'שער פערגלײַך פון דער לבנה מיט אַ שפּיגעל. פּאָלירט איז נאָר איין זײַט פון שפּיגעל, די צווייטע זײַט איז בעדעקט מיט רעליעפען — בוימער און בלומען, פויגעל און אינזעקטען, פּייזאַזשען, לעגענדעס, סימבאָלען פון גליק, בילדער פון פערשידענע געטער.

אַזוי ווערען געמאַכט די געוועהנליכסטע שפּיגלען, אָבער עס זענען פאַראַן נאָך אַ סך וואַריאַציעס, און פיעלע פון זיי זענען ווירקליך וואונדערבאַר.

מיר רופען זיי „צויבער-שפּיגלען": אַז מען גיט אַ קעהר די פּאָלירטע זײַט פון שפּיגעל צום פלאַמענעם ווענדטעל פון הויז, דאַן צייכענט זיך אָב אין ליכטיגען קרייז דאָס בילד פון דער צווייטער זײַט.

צי עס איז פאַראַן צווישען חער מאַסע שפּיגלען אויך צויבער-שפּיגלען — דאָס ווייס איך ניט, אָבער איך צווייפעל ניט, אַז דאָרט

געפֿינט זיך געניג טשיקאַווע זאַכען. עס ליגט אַ סך פּאַטאָס אין דעם ברענגען פֿון די דאָזיגע שיינע קונסט־ווערק, וואָס זיינען פֿערמשפּט אויף אַ נאָהנטע פֿערניכטונג. זעהר מעגליך, אַז באַלד־באַלד וועט מען שוין אָנהויבען אויפֿהערען צו פּראָדוצירען אַזעלכע בראָנזענע שפּיגלען; און די אַמאַטאָרען וועלען מיט טרויער און פֿערדרוס אויסהערען די געשיכטע וועגען די דאָזיגע קרבנות.

אָבער עס ליגט נאָך אַ טיעפֿערער טראַגיזם אין די אונצעהליבאַרע קרבנות, וואָס זיינען און־ברחמנות'דיג אָבגעגעבען דער זון, דעם רעגען און דעם גאַסען־שטויב.

וויפֿיעל שפּיגלען האָבען דאָס אָבגעשפּיגעלט אין זיך דעם שמייכעל פֿון אַ קינד, אַ כלה, אַ מאַמען! כמעט אין אַלע האָבען זיך געשפּיגעלט די בילדער פֿון שטילען היימישען לעבען. אָבער אַ יאַפּאַנישער שפּיגעל האָט נאָך אַ גרעסערען ווערט, איידער אַ בלויזע עראינערונג.

„דער שפּיגעל — זאָגט אַנ'אַלט שפּריכוואָרט — איז די נשמה פֿון אַ פֿרוי“.

און ניט נאָר אין סימבאָלישען זין, ווי עס איז זיך לייכט פֿאָרצושטעלען. אַ סך לעגענדעס דערצעהלען, אַז דער שפּיגעל פֿיהלט איבער צוזאַמען מיט דער ווירטין פֿון הויז אַלע איהרע ליידען און פֿריידען: דאָ בלישטשעט ער, דאָ ווערט ער פֿערנעבעלט און גיכט זיך צוזאַמען מיט איהר מינדעסטער איבערלעבונג.

מסתמא דעריבער פֿלעגט מען בענוצען אַ שפּיגעל און, דאַכט מיר, מען בענוצט איהם נאָך ביז איצט, ביי פֿערשידענע מאַגישע ריטואַלען, וואָס ווירקען, ווי מען זאָגט, אויף לעבען און אויף טויט. אויסער דעם איז מען דעם שפּיגעל מקבר צוזאַמען מיט יענע, צו וועמען ער האָט געהערט. די בערג בראָנז, וואָס זיינען צוגעדעקט מיט שטויב און מיט שימעל, רופֿען אַרויס אין דער נשמה מערקווירדיגע חלומות וועגען צובראָכענע הערצער — אָדער אַם וועניגסטענס, וועגען לעבעדיגע וועזענס.

עס ווילט זיך ניט גלויבען, אַז די אַלע פּסיכישע בעוועגונגען, אַלע געזיכטער, וואָס האָבען זיך אַמאָל אָבגעשפּיגעלט אין די שפּיגלען, זאָלען זיך אויף אייביג האָבען אָבגעטיילט פֿון זיי; די פֿערגאַנגענהייט מוז ערגיץ האָבען אַ פֿאָרטזעצונג; און עס גלויבט

זיך, אַז מען דאַרף נאָר פּאָזיטיוו צוגעהן צו די שפּיגלען און געבען אין זיי פּלוצלינג אַ קוק אַריין, זעט זיך דאָס אויג באַלד טרעפען מיט דער פֿערגאַנגענהייט פּונקט אין דעם זעלבען אויגענבליק, ווען די פֿערגאַנגענהייט ווערט פֿלאַטערענדיג פֿערפֿליהען פֿונ'ם ליכט.

איבעריגענס, מוז איך מיך מודה זיין, אַז דער פּאַטאָס פֿון דער דאָזיגער זעהונג ווערט נאָך שטאַרקער צוליעב איין ערינערונג, וואָס אַ יאַפּאַנישער שפּיגעל רופט שטענדיג אַרויס אין מיין זכרון: איך דערמאָהן זיך די אַלטע יאַפּאַנישע ערצעהלונג וועגען מאַטסויאַמאַ-גאַ-קאַגאַמי. די ערצעהלונג איז אַפּילו זעהר איינפֿאַך און קורץ, דאָך קאָן מען זי אויסשטעלען אין איין רייהע מיט געהעט'ס מעשה'לעך, וועלכע ווערען אַלץ טיעפֿער און בריי[טער], וואָס טיעפֿער און ברייטער עס זעגען דאָס לעבען און די פֿעהיגקייטען פֿונ'ם לעזער. די פּרוי דזשעמס האָט אין איין ריכטונג אפשר אויסגעשעפּט אַלע פּסיכאָלאָגישע מעגליכקייטען. און דער מענש, וואָס זיין נשמה ווערט נים אויפֿגעציטערט ווערען, לייענענדיג איהר קליין ביכעלע, איז ניט ווערט צו טראָגען אויף זיך דעם נאָמען מענש. כדי צו פֿערשטעהן קאָטש אונגעפֿעהר די הויפּט-אידעע פֿון דער ערצעהלונג, דאַרף מען קענען דערפֿיהלען די פֿערבאָרגענע פּראַכט, וואָס עס ליעגט אין די בילדלעך, וואָס זענען בייגעלעגט צום טעקסט, און שטעלען פֿאָר אינטערפּרעטאַציעס פֿון לעצטען גרויסען קינסטלער פֿון קאַנאָ סשולע. די פֿרעמדע, וואָס זענען ווייניג באַקאַנט מיט דעם יאַפּאַנישען פֿאַמיליען-לעבען, קענען בשום אופֿן נים אָבשאַצען די גאַנצע פּראַכט פֿון די בילדלעך, וואָס זענען ספּעציעל געשריבען געוואָרען צו די בייגעלעגטע מעשה'לעך. אָבער די פֿאַרבער פֿון זייד און קיאָטאָ און אָסאַקאַ ווייסען זיי ווי צו שעצען און קאָפּירען זיי שטענדיג אויף די טייערסטע געוועבען. די געשיכטע ווערט דערצעהלט אויף פֿערשיעדענע אופֿנים, איך גיב איך איבער די זאַך נאָר כהעמאַטיש.

אַמאָל, שוין מיט אַ סך יאָהרען צוריק, האָט געלעבט אַ יונגע סאַמוראַיער פּאָר-פֿאָלק מיט אַ קליינע טאָכטער אין מאַטסויאַמאַ, פּראָווינץ עשיגאָ. זייערע נעמען זענען שוין לאַנג פֿערגעסען געוואָרען. איז דער מאַן איינמאַל אוועק קיין יעדאָ, און קומענדיג

צוריק, האָט ער מיט זיך אָנגעבראַכט געשאַנקען פון קרוין-שטאָדט — זיסע זאַכען מיט אַ קיקלע פאַר דער קליינער טאָכטער, און דער ווייב האָט ער געבראַכט אַ שפּיגעל פון בעזילבערטע בראָנז. דער שפּיגעל האָט דער פרוי אויסגעוויזען צו זיין מערקווירדיג און אונפערשטענדליך — דאָס איז געוועזען דער ערשטער שפּיגעל, וואָס האָט זיך אין מאַטסויאַמאַ בעוויזען. זי האָט ניט געוואוסט, צו וואָס דער שפּיגעל נוצט און האָט אונשולדיג געפרעגט, וועמענס שען שמייכלענדיג פּנימ׳ל קוקט עס אַרויס אויף איהר פון׳ם שפּיגעל?

יער מאַן האָט זיך צולאַכט און האָט געזאָגט:

— דאָס איז דאָך דיין אייגענער פּנים. וואָס זשע פאַר אַ נאַרעלע דו ביזט!

נאָך עפּיס צו פרעגען האָט זי זיך געשעמט, האָט זי זיך געאיילט צו בעהאַלטען, דעם שפּיגעל ערגיץ אין אַ ווינקעל.

און אַזוי איז דאָס געשאַנק אָבגעלעגען ביי איהר בעהאַלטענערהייט אַ סך יאָהרען — פאַרוואָס? דאָס פערשווייגט די געשיכטע. אפשר איינציג דערפאַר, וואָס די ליעבע פערהייליגט דעם קלענסטען געשאַנק און פערבאָרגט איהם פון אַ זייטיגען בליק.

אָבער ליעגענדיג אויפ׳ן טויטען-בעט, האָט די מוטער איבערגעגעבען דעם שפּיגעל איהר איינציגער טאָכטער און האָט צו איהר אַזוי געזאָגט:

— אַז איך וועל שטאַרבען, זאָלסטו אַריינקוקען אַלע אין דער-פריה און פאַרנאַכט אינ׳ם שפּיגעל—וועסט מיך דאָרט זעהן, און וועסט ניט טרויעריג זיין.

געזאָגט די ווערטער און געשטאָרבען. און דאָס מיידעל האָט געקוקט אַלע טאָג, אין דער-פריה און פאַר-נאַכט, אין שפּיגעל. זי האָט ניט געוואוסט, אַז די אָבשפּיגלונג איז געוועזען איהר אייגענע. זי האָט געמיינט, אַז זי זעהט איהר מוטער, אויף וועלכע זי איז זעהר ענליך געוועזען. און אַלע טאָג האָט זי געשמועסט מיט דעם שאָטען, וואָרום דאָס געפיהל האָט איהר אונטערגעזאָגט, אָדער ווי דער יאַפּאַנישער טעקסט דריקט זיך אויס: — „דאָס האַרץ האָט צו איהר גערעדט“, אַז זי זעהט פאַר זיך די מוטער; און דער שפּיגעל איז איהר טייערער געוועזען פון אַל׳ץ אין דער וועלט. ענדליך

האָט עס בעמערקט דער פָאטער און זיין זעהר פערוואונדערט געוועזען מיט איהר אויפפיהרונג. ער האָט זי גענומען פאַנאַנדערפרעגען, און זי האָט איהם אַלץ דערצעהלט.

„דאַן — ענדיגט די אַלט־יאַפּאַנישע ערצעהלונג — איז איהם בעפאַלען אַ געפיהל פון רחמנות און טרויער, און טרעהרען האָבען פערנעבעלט זיינע אויגען“...

אָט איז די אַלטע ערצעהלונג... צי איז ווירקליך אַזוי פיעל טראַגיזם געוועזען אין דעם אונשולדיגען טעות, אַזוי ווי דער פָאטער האָט געמיינט, אָדער זיינע טרעהרען האָבען אין דער אמת'ן קיין זין ניט געהאַט, פונקט אַזוי ווי מיין פעדרוס אויף דעם מזל פון די אַלטע שפיגלען, און די אַלטע ערשיינונגען, וואָס זענען מיט זיי צוזאַמענגעבונדען?

איך מיין, אַז די אונשולד פונ'ם מיידעל איז קלינער געוועזען פונ'ם פָאטערס געפיהל. לויט דער קאָסמישער געזעצמעסיגקייט איז דאָך די געגענוואַרט אַ שאָטען פון דער צוקונפט, און די צוקונפט דאַרף זיין די אָבשפּיגלונג פון דער געגענוואַרט. אַלע זענען מיר — איינציג, אַזוי ווי עס איז איינציג דאָס ליכט, האָטש זיינע בעוועגונגען זענען אונענדליך. אַלע זענען מיר — איינציג און אין דער זעלבער צייט אויך — פיעלפאַכיג, ווייל אין יעדערען פון אונז לעבט אַ גאַנצע וועלט גייסטער.

שמייכלענדיג קוקענדיג אין דער אָבשפּיגלונג פון די אייגענע יונגע ליעבליכע אויגען און ליפּען, האָט דאָס מיידעל ווירקליך און צווייפעל־לאָז גערעדט מיט דער נשמה פון איהר מוטער.

דער דאָזיגער געדאַנק גיט צו דער מערקווירדיגער זעהונג אין אַלטען טעמפּעל אַ נייעם זין און דערהויבט איהם ביז אַ סימבאָלי־שער זעהונג. אין ווירקליך, יעדערער פון אונז איז אַ שפּיגעל, וואָס שפּיגעלט אָב אין זיך אַ טייל פון דער אונענדליכקייט און שפּיגעלט זיך אַליין אָב גלייכצייטיג אין דער אונענדליכקייט.

מעגליך, אַז דער טויט וועט אונז אַלעמען צוזאַמען צונויפגיסען מיט זיין מאַכט אין איין גרויסע, גליקליכע, ליידענשאַפטלאָזע איינגיקייט. וואָס פאַר אַ צונויפגיסונג דאָס וועט זיין, וועלען, קאָן זיין, בעגרייפען די צוקונפטיגע דורות. מיר, די פאָרשטעהער פון יער

מערב=קולטור אין דער געגענוואַרט, פאַרמאָגען נישט קיין וויסענ=
שאַפט, ומיר פאַרמאָגען נאָר חלומות און חלומות. אָבער דער
אַלטער מזרח גלויבט; אַט איז די איינפאַכע, בילדערישע שפּראַך
פון זיין גלויבען:

„אַלע פאָרמען פונ'ם זיין וועלען ענדליך פאַרשווינדען און ווע=
לען זיך צונויפגיסען מיט יענעם הויכען וועזען, וואָס זיין שמייכעל
איז — אייביגע רוהע, און זיין וויסען איז — אונבעגרענצטע ווייט=
זיכטיגקייט".

י. י. טרונק.

דער ים.

(רעפלעקסען).

בלאסע צעהארפענע זאמד-בערגלעך ביים ברעג ים, טוליען זיך און וואקלען ארויס פון קעמפעס ווילדע צוטריקענטע גרעזער. עס שוקען זיך ארויס, ווי אלטע חורבות עטליכע איינזאמע, האלב-צופאלענע, מיט לאנגע טרוקענע נעצען בעווארפענע, פישער-שטובער. וואו-ניט-וואו ביי די הייזלעך א פאר פערפוילטע וועסלעס, ווי אלטע פערכשופטע שומרים, וואס שטעהען און היטען ביי די טהירען, און אנגעווארפענע קופעס נאסע גרין-פערשליימטע נעצען טריקענען און ליגען אויסגעשפרייט אויף אלטע צובראכענע שיפלעך... ווען-ניט-ווען רויכערט זיך נאך ערגיץ א נאקעטער צובראכענער קוימען, ווי א זכר פון א שטיל אויסגעהענדיג לעבען, וואס צאנקט און טשעפעט זיך נאך קוים, קוים דא ערגיץ אונטער די צונויפגעשיטע חורבות...

ס'איז אנ'ארים פישער-דערפעל, פערוואגעט ערגיץ אויף א וויסטען זאמד-ברעג, ביי וועלכען ס'ברויזט און שוימט זיך וואוטהיג דער צארניגער ים, און זיינע גראהע צושמיסענע פאליעס, ווי ווילדע צושויבערטע וואסער-חיות, נורען און רייסען זיך שטענדיג מיט א ווילד וואיען ארויס, ווי פון קייטען אבגעריסענע, און לאזען זיך מיט אימפעט צו צום ברעג, אזוי ווי זיי וואלטען, ווי צורייצטע, זיך אויפ'ן שטילען, ווי פאר שרעק פערטוליעטען דערפעל געווארפען און עס צורייסען געוואלט, נאר פאלען שטענדיג ווי דערשלאגענע אנידער, צוריסען-ווערענדיג אין בייזע זידיגע בריללען שוים, וואס לעשען זיך פערמאטערט, און ציהען זיך שטיקער-וויז צוריק אין די צושוימטע אבגרונדען...

גיט גאַנץ דעם פֿריהמאָרגען, ווען די, דאָ און דאָרט צוהאַנגענע בונטע נאַכט-פֿינסטערניש, צורינען איינציגווייז פֿון די ווייטע פֿערשלאָפֿענע הימלען, וואָס וועקען און עפֿענען זיך פּאַמעליך, פֿרישצושמייכעלטע, אָנגעזויגענע מיט ליכט, און צושווימען פֿרעהליך ווי יונג געוואָרענע איבער די ווייטע בעזילבערטע אָבגרונדען, וועקט זיך אויך דאָס שטילע אין שלאָף פֿערזונקענע דערפֿעל, פֿון די צעוואָרפֿענע נאַקעטע קוימענדלעך שטויבט זיך אַרויס אַ שיטערער רויך, וואָס צוציהט זיך ווי אַ שוואַרצער צורונענער שלייער איבער'ן גאַנצען דערפֿעל. אין די דאָ און דאָרט געעפֿענטע פֿענסטערלעך צורוקען זיך פֿאַרהענגלעך, און האַלב-נאַקעטע פֿרויען-פֿיגורען שטעקען טיעף אין פֿרישען דרויסען אַרויס זייערע פֿייכטע צושויבערטע קעפּ, איבערוואַרפֿענדיג זיך איינס מיט ס'אַנדערע מיט אַ לייכט פֿערוועבטען שמייכעל אַרום די פֿערשלאָפֿענע אויגען... פֿון צווישען די אויפֿגעשפּאַרטע טהירען בעווייזען זיך איינס נאָך איינס איינצעלנע געזונדע פֿישער'ס, וואָס טרעטען מיט פֿולע פֿערשלאָפֿענע טריט אַרום צווישען די פֿערפּלאָנטערטע נאָך בעטהויעטע גרעזער, און נעהמען זיך פּאַמעלעך, האַלב-גענעצדיג, איטליכער צו זיין אַרבייט, טהייל שלעפּען וואַסער מיט אָנגעטהוענע שאָנדעס, אָדער וויקלען צונויף די פֿונאַנדערגעשפּרייטע נעצען, וואָס ליגען דאָ און דאָרט צעוואָרפֿען צווישען אַלטע איבערגעדרעהטע אין זאַמד פֿערזונקענע שיפֿלעך... און לאָזען זיך דערנאָך שווייגענדיג, צעוואָרפֿענע קופּקעלעך-ווייז, מיט די וועסלעס אויף די אַקסלען, צו צום ים, אומדרעהענדיג זיך אַלע מאָל מיט אַ מיעד צושמייכעלט פּנים, וואַרפֿענדיג שטומע בליקען אַהין צו די אָפֿענע פֿענסטערלעך, וואו ס'שטעהען די פֿרויען און קוקען זיי נאָך, די יונגערע דרעהען זיך אום עפּעטער, און שיקען, ווי גליקליכע, זייערע לופֿט-קושען צו זייערע מיידלעך, וואָס קוקען שעמעוודיג נאָך האַלב-נאַקעטע אַרויס פֿון אונטער די ווייסע פֿערשאַרצטע פֿאָרהענגלעך, אָדער פֿון צווישען גרינע צופּלאָסענע צווייגלעך פֿון בלומענטעפּ, און פּאַכען זיי נאָך בעהאַלטענערהייט מיט די הענד...

און פּאַמעלעך, ווען ס'וועקט זיך דער מאָרגען, ווערט דאָרט דער געל-זאַמדיגער ברעג פֿערזייעט מיט די צעוואָרפֿענע קופּקעלעך פֿישער'ס וואָס שלעפּען נעצען, לויפֿען און בעוועגען זיך לעבעדיג אַרום די שיפֿלעך, וואָס דרימלען נעבען די בלייזה-צוגאָסענע ברעג-פּאַליען.

און שטופּען זיי קופּעס־ווייז אַריין אין וואַסער, פון וואַנען ס'שווימען באַלד אַנטקעגען די פאַליעס, ווי דעם ים'ס געשיקטע שלוחים, לעגען זיך פאַר זיי, און נעהמען זיי אונטערטעניג אויף זייער רוקען, שפּריצענדיג, און אַרומנעהמענדיג מיט אַ זילבערנעם שוים, די נאַקעטע אין וואַסער איינגעטונקטע פיס פון די פישער'ס, וואָס הענגען בונטען־ווייז נאָך, פערשפּריטען די זעגלען אָדער ציהען די שטריק, און שפּרינגען איינס נאָך איינס אַריין אין די שיפלעך, וואָס ווערען פּלוצלונג פערוואַנדעלט אין לעבעדיגע ים־בעשעפענישען, בעוועגען און וואַקלען זיך, ווי צושריט אויף די פאַליעס, וואָס שפּרינגען און קריכען פון אַלע זייטען ווילד־צושוימטע מחנות־ווייז אַמער, רייסען און וואַרפען זיך געררייצטע, אָדער שווימען אונטער, ווי געשלאָגענע, וואָס ווילען זיך בעהאַלטען, צוגיסענדיג זיך ווּטהיג, אין אַ בייזען, גראָה־צעוויגטען שוים, וואָס זיהט און לעשט זיך צאָרניג אַרום זיי אויף די צעוויגטע, אויפגערעגטע וואַסערען...

און אין אַ צייט אַרום גליטשען זיך שוין איבער דעם בלאָהען אין זונען־גאָלד צושטראַמטען ים־שפּיגעל, מחנות צעוואָרפענע שיפלעך, מיט פלאַטריג פונאַנדערגעוויקעלטע זעגלען, ווי כמאַרעס ים־מעווען מיט זילבערנע פליגעל, וואָס שוועבען און טוקען זיך אין די יונגע צופאַליעטע אָבגרונדען, און זאַפען זיך איין ערגעץ אין די ווייטע בלאָה־צופלאַמענע הימלען. —

* *
*

אַמאָל אין אַן אָבענד.

דער לעצטער קוים צוגליהטער הימעל־שטרייף, וואָס רייטעלט זיך נאָך קוים און קליהעט שוואַך אויף דעם ווייטען גראָה־צושוימטען ים־זוים, האָט זיך שוין כמעט אויסגעלאָשען... פון די לעדיגע, פערברענטע אַש־גראָהע הימלען, וואָס הענגען, ווי אויסגעשטאָרבענע אויפ'ן ווייטען האָריזאָנט, שווימען שטיל אַרויס שטומע בונטען טויטע נאַכט־שאָטענס, ווי טרויעריגע פער'חלש'טע נשמות, וואָס קומען איינציגווייז צו זיך, און צופליסען פויל און פאַמעליך, ווי בלאָנדזשענדע וואַנדערער־קאַראַוואַנען איבער די אויסגעזויגענע הימלדיגע וויסטענישען, פון וואַנען זיי גיסען זיך אַראָב. און צורינען קופּעס־ווייז איבער די צעוויגטע אָבגרונדען, וואָס ווערען בעגאָסענע מיט

פינסטערנישען, צובראוזטער, און צורייסען זיך וואוטהיג אויף שוימיגע צעווירבעלטע גריבער, פון וואנען סוואקסען ווילד ברומענדיג ארויס ווי פון זייערע נערעס געוועקט, שורות גראָהע צעווילדעטע פאליעס, וואס טרייבען און יאָגען זיך צושוימטע אויף די אָבגרונדען, ווי צעוואָרפענע מחנות אויפגעוואכטע נאכט-גייסטער, וואָלטען זיך דער-היצטע געבאָדען, און נאקעטע ליידענשאפטליך ארומגעשוועבעלט אין די פינסטערע ים-טיעפענישען, ארויסשטעקענדיג פון דאָרט זייערע אויסגעשפיצטע זילבער-גראָהע, ווילד-צושויבערטע בערד, וואס וויעגען זיך און צו פליעסען אויפגערעגט אויפ'ן פינסטערען וואסער-שפיגעל און ווערען צוריק אין די אָבגרונדען פערשוואונדען... טהייל בלייבען אונטערשטעליג, ווי דערשראָקענע, און ווערען ווי שוואכע צוריסען פון די מחנות ווייסע צוהונגערטע רוחות, וואס שווימען און נורען זיך ארויס פון אלע זייטען, ווארפענדיג זיך אויף זיי מיט א בלוטיג זאָיען... און יאָגען זיך דערנאָך ווילד טאנצענדיג, ווי צושטרייעט פון זעט, איבער די שוואך פערנעבעלטע אָבגרונדען, ארויפווארפענדיג זיך צורייצט איינער אויפ'ן אנדערענס רוקען... טהייל אנטלויפען, און רייסען זיך מחנות-ווייז אנגסטיג-צושראָקען ארויס אויפ'ן שטילען פינסטערען ברעג, און לעשען זיך, און פאלען דאָרט ערגיץ אין דער שטילקייט, ווי דערשטיקטע...

ציטריג שטיל, ווי אָנגעשראָקענע בעשעפענישען געיאָגט פון די צעוואוטהיגטע פאליעס, טרייסלען און טוליען זיך צוזאמען, די פאָר איינזאם פערוואָרפענע פישער-חאטקעס, אזוי ווי זיי וואָלטען פאר שרעק אנטלאָפען און זיך בעהאלטען צווישען די הויכע ווילד-צעוואקסענע גרעזער, פון וואנען זיי קוקען אלע מאל מיט ציטריגע שטילע פייערלעך, ווי מיט בעהאלטענע שרעק-בליקען אהין צום גראָהען דערצאָרנטען ים, לעשען זיך און בליהען ווידער בגנבה אויף ערגיץ צווישען די גרעזער...

באלד דערהערען זיך שטימען, אזוי ווי ס'וואָלט זיך עמיץ געוועקט צווישען די גרעזער און פאר זיכערקייט זיך אָנגערופען, פון דער פינסטערניש שווימען אויף איינצעלנע צעוואָרפענע שאָטענס פון פרויען-סילועטען, וואס קומען ארויס נישט זיכער, מיט שטילע, ווי פאר מורא איינגעהאלטענע טריט, בלייבען שטעהן, און קוקען זיך אלע מאל אום אונטער זיך, ווינקענדיג און ארויסרופענדיג נאך

זיך, נאָך פרויען־פיגורען, וואָס שניידען און רוקען זיך שטיל קופּעס־ווייז אַרויס פון דער פינסטערניש, ווי לעבעדיג געוואָרענע, ריהרעוודיגע זאַמד־בערגלעך, צווישען וועלכע ס׳שפּראָצט און רייטעלט זיך נאָך וואַ־ניט־וואו, ווי אַ שטומער צייכען פון אַ לייכט־טהורם, אַ רויטער פערלאָפענער שימער פון אַ לאַמטער, און צופאַלען פּאָרלעך־ווייז אין דער נאַכט מיט אַ שטיל אונרוהיג געפּליסטער, שלעפענדיג דערשראָקען איינע די אַנדערע ביי די האַנד, און טייטענדיג מיט די פינגער אַהין אויף די גראָדע צעוואוטהיגטע אַבגרונדען, וואָס וואָיען און צורייסען זיך וואָס אַמאָל פערצווייפעלטער, אַרויסשפּייענדיג פון זיך, וואָס אַ מאָל נייע שטראָמען פינסטערנישען, וואָס מישען און יאָגען זיך צעווילדעטע איבער דעם ווייג־צופאַליעטען שוים... טייל רייסען זיך אָב, דערווייטערען זיך איינציגווייז, און לאָזען זיך פּאַמעלעך ביז די האַלבע קליידער איינגעטונקט, אַריין אין וואַסער, בלייבענדיג דאָרט שטעהן מיט צולאָזענע האָר, אין אַ פערשטיינערטע פּאָזע, ווי שוואַרצע פערשאָלטענע מכשפות, וואָס וואַקסען איינזאַמע אויס אין די אַבגרונדען און פּאַשען אין די וויסטע פינסטערע וואַסער־פעלדער, די סטאַרעס ווייסע צושויבערטע פאַליעס, וואָס קיהלען זיך און שוימען ווי אָנגעזעטיגטע אַרום ביים פלאַכען אונרוהיגען ברעג...

פּלוצלונג, ווי מיט אַ מאָל וועקען און גראָבען זיך צעוואָרפענע פייערלעך אויף ערגיץ אין די ווייטע צעוואוטהיגטע אַבגרונדען, ווי ביזע צובלוטיגטע אויגען וואָלטען שלעפעריג ערגיץ געוואַכט, ביז אין זאַט אַרויסגעקוקט פון די פינסטערע ים־טיעפענישען, און ווי־דער פערלאָשען געוואָרען אין ברוין־צוקאָכטען שוים... פון די ביינאַכטיגע וואַבערדיגע ווייטקייטען, שוימען און נורען זיך אַרויס שוואַרצע פערבלאָנדזשעטע שאָטען־בילדער פון שיפען, ווי פער־וואָגעלטע שטיקער ערד דורך וועלטער׳ס בעפלאַנצט מיט רויבערדיגע צופלאַקערטע פאַקעלען, וואָס ברענען און פערצירען די שיפען מיט אַ רויטען ציטריג־צושפּונענעם שיין, ווי מיט אַנ׳אַראָבגעהאַנגען נעצען־געוועב, וואָס שלעפט זיך נאָך און בעוועגט זיך אַרום זיי אויף די אַבגרונדען, און לעשט זיך אַלע מאָל, ווי אַ צורימענער שלייער, אין די שוואַרצע הערהויבענע שוימען... ס׳האָט אויסגעקוקט אַזוי ווי עמיץ וואָלט אַ מתנה שוואַרצע פערוואונדעטע ים־בעשעפענישען, פון זייערע נעסטען פעריאָגט, און זיי וואַקלען זיך בעוואוסטלאָזע אין

קאַלוזשעס בלוט, און דראַפּען זיך שוואַך און פויל פון איין פּאַליע אויף דער צווייטער. ווערען פערגאָסען אַלע מאָל מיט אַ גראָה צעוואַקסענעם באַרג שוים, און קריכען ווידער ווי אויסגעצוואָגענע אַפער, פערטראָגענע מאַכטלאָז פון די ביזע צעוואוטהיגטע וואַסערען...

די צעוואָרפענע קופּקעלעך אויפ'ן ברעג, זענען פלוצלונג ווי דורך אַ קראַפט אויפגעשפּרונגען, געטאַנצט, געפּאַטשט מיט די הענד, און מיט פרעהליכע געשרייען: „ז'פאָהרען, ז'פאָהרען!” זיך צונויפגעלאָפען, און געטייטט מיט די פינגער אַהין אויפ'ן ים, פון וואַנען ס'וויגען זיך און שוועבען וואָס אַמאָל קלאָהרער אַרויס מיט שוואַרצע פונאַנדערגעבלאָזענע פליגעל די לענגליכע געשטאַלטען פון די פישער־שיפלעך, אין וועלכע ס'ווימלען און רייטלען זיך קוים, מיט פאַקעל־שיין באַגאָסענע פיגורען פון מענשען, ווי בונטע ווילדע אָנגעצונדענע שאָטענס וואָלטען מיט זייערע שיפען ערגיץ פון ווייטע וויסטע וואַסער־קעניגרייכען אָנגעקומען, און צולאָזענע פריי זיך אַרומגעשיפט אויף די פינסטערע אָבגרונדען...

— — — — — — — —

*

באַלד דערנאָך שליידערען און וואַקלען זיך שוין, ווי אָבגעמאַטערטע אין די נאָהנטע צופאַליעטע שוימען, די שווערע מיט שטריק און נעץ בעוואָרפענע קערפּער פון די שיפען, וואָס קומען און טראָגען אויף זיך די מחנות צוהיצטע האַלב־נאַקעטע פישערס, ווי זיי וואָלטען ערגיץ אין די ווייטע ימים מיט זייערע נעצען אויפגעפאַנגען גאַנצע קופּעס מיט רויטע געקוילעטע מענשען, וואָס וואַרפען זיך ווי וואַהנזיניגע צווישען די נעצען, האַפּענדיג זיך ווילד, ווי ראַנגעלדיג מיט'ן טויט, פאַר די צולאָזענע שטריק פון די זעגעל, וואָס פלאַטערען און רייסען זיך ווי הערשראָקענע אַרויס פון צווישען די שכורע, צווישעטע פּאַליעס...

* *

*

אין אַ צייט שפּעטער.

די שוואַרצע שאָטענס פון די שיפלעך ליגען אויפ'ן ברעג, ווי טויטע אָבגעמאַטערטע בעשעפענישען, האַלב אַרויסגעצויגען פון וואַסער, לייכט־געוויגט פון די פּאַליעס, וואָס בעפּאַלען זיי, קריכענ=

דיג אײנע אויף די אַנדערע, װי צוהונגערטע, װאָס בײסען זיך אײן מיט אַ פֿול מויל, און רײסען זײ אויף אַלע זײטען, אַזױ װי זײ װאָלטען זײ צוגרײכען געװאָלט און שטיקער־װײז צושלעפּען אין זײערע װאַסער־נורעס... אויפ׳ן פֿינסטערען ברעג ליגען דאָ און דאָרט שװײגענדיג צעװאָרפען קלײנע פֿערשאָטענע קופּקעלעך פֿון מידע צונױפגעטוליעטע מענשען. צײטענװײז שװימט אויף פֿון ערגיץ אַ יונג פֿערליבט פּאָר׳ל, װאָס שפּאַצירען שטיל און פֿער׳חלומ׳טע אַדורך צװישען די קופּקעלעך, װי צװישען אַלטע פֿערשטײנערטע קלאָמבעס, אויף װעלכע כ׳בליהט נאָך װאו־ניט־װאו פֿער׳יתומ׳ט אַ רױטער שטיל־צוגלידטער פּינקט פֿון אַ ליולקע, װי אַן אײנזאַם פֿערגעסען בלומיל...

פּלוצלונג גיט זיך פֿון די שטילע פֿינסטערע בערג מיט אַמאָל אַ שוים אַרױס אַ צומישטער געליאַרם פֿון הילכיגע פֿרעהליכע געשרײען, אַזױ װי סװאָלט ערגיץ די ערד פֿון זיך אַ מחנה טײװאָלאָנים אַרױסגעזעצט, װאָס צושיטען זיך מיט אַ געפּולדער אין דער פֿאַרשרעק צוריסענער פֿינסטערניש... אַ פּאָר װילד־צופלאַשעטע קופּעס יונגע צוהיצטע פֿישער׳ס מיט ענטבלױזטע קעפּ און צושפּילטע העמדער, װי מחנות נאַכט־העלדען, װאָס רײסען זיך, װי זיגער אַדורך דורך די פֿינסטערניש, גיבען מיט אַמאָל אַ קום אַרױס אויפ׳ן ברעג מיט אַ פֿרעכען װילדען הורא, פּאַטשענדיג אין די לופט מיט רױטע צופּלאַמטע לאַמטערען, און נאַכשלעפּענדיג נאָך זיך נאָך צעװאָרפענע שכור׳ע געאָרעמטע פּאָרלעך, װאָס װאַקלען זיך, שװאַך בעלויכטען אָפּער מיט אַ צוריסען שכור געזאַנג, שלעפּענדיג מיט זיך מיט זײערע מײדלעך, װאָס קומען אָן פֿערמאַטערטע מיט צעװעדטע צעפּ, װי װילדע פֿון דער פֿינסטערניש אויפגעכאַפּטע נאַכט־מײדען... — טײל רײסען זיך אָב, לאָזען זיך פּלוצלינג נאָך אַ דערשראָקען אַנטלױפענדיג מײדעל, חאַפּען זי אַ צעקװעטשעטע אין די לופט, דרעהען זיך מיט איהר װילדה אַרום, און גיבען זי װידער ערגיץ אַ האַמטיגען שטעל־אַנידער אויף דר׳ערד... דער ברעג װימעלט באַלד מיט די פֿרעהליכע צעװילדעטע פּאָרלעך, װאָס שיטען זיך אַלס אָהן אויפהער אַרױס פֿון צװישען די בערג, יאָגען זיך, טאַנצען, אָדער שפּרינגען און װאַרפען אין דער הױך צופלאַקערטע פּאַקעלען, װאָס פֿליהען און שװימען אַרום אין דער שװאַרצער צוטומעלטער נאַכט, װי רױכערדיגע רױט צובלוטיגטע שטיקער פֿײער, פֿאַלענדיג װי

דערהרג'עטע צוריק אויפ'ן פינסטערען ברעג, בעגאָסען מיט מידע און רויך דערשטיקטע פלאַמען...

די פערגלווערטע קיפקעלעך אויפ'ן ברעג הויבען זיך אָן צו ריהרען, ווי די פערשטיינערטע קלאָמבעס וואָלטען פאַמעלעך געוועקט און צוגליעדערט געוואָרען אויף שוואַרצע ריהרעוודיגע מענשען, וואָס רייסען זיך פונאַנדער, און דערהויבען זיך איינס נאָך איינס אַוועק־לאָזענדיג זיך מיט די הענד אין די טאַשען, טייל מיט קורצע ליולקעלעך, אַהין צו דעם צוהוליעטען יונגוואַרג, מיט וועלכע, זיי מישען זיך נישט דרייסט איינציגווייז אויס, אָדער בלייבען פערגאַפטע שטעהן אין אַ זייט מיט פערלעגטע הענד, זויגען און רויכערען שמייכלדיג די ליולקעלעך, איבערוואַרפענדיג זיך איינער מיט אַנדערען מיט אַ צופרידענעם האַלב־איראָנישען שאָקעל מיט'ן קאָפּ:

„חברה!".

ס'ווערט וואָס אַ מאָל פרעהליכער. ערגיץ אין אַ זייט צווישען צונויפגעשטעלטע בונטען פאַקעלען, וואָס ברענען און פלאַקערען צורייצטע, ווי אונטערצינדענדיג די פינסטערניש, זיצען אין אַ בלוטיג־רויטען ווילד־צופלאַמענעם שיין, אַ קרענציל צוהיצטע שכור'ע פי־שער'ס, ווי רויטע אויסגעלאַסענע רוחות, וואָס וועקען זיך ערגיץ פון די נאַכט־פינסטערנישען, פויקען און קלאַפּען מיט טאַצען, אָדער בעוועגען און רייסען, ווי וואַהנזיניג מיט די סמיטשקעס, אַזוי ווי זיי וואָלטען געשלאָגען און מיט געוואַלד אַרויסגעריסען טענער פון די הייזעריג־צושריגענע פידלען, וואָס ליגען מיט שרעק ווי רויטע ווילדע דערשראָקענע בהמות אויף זייערע אַקסלען... פון דעם, אין דער נאַכט צעוואָרפענעם, יונגוואַרג, טיילען זיך באַלד אָב יונגע פישער'ס מיט מיידלעך, וואָס טאַנצען און דרעהען זיך פערצויבערטע פּאָרלעך־ווייז אַרום מיט פערלעגטע הענד איינער אויפ'ן אַנדערענס אַקסעל, אַרויס־לאָזענדיג אַלע מאָל אַ ווילדען קוויטש, אָדער גיבען אַ חאַפּ אַרום מיט די הענד איטליכער זיין מיידעל, וואָס לעגט זיך נאָכגעביג אויס, מיט אַ טיעף־מאַכטלאָזן אַראָבגעהאָנגענעם קאָפּ, פון וועלכען פליסט פלוצלונג אַ האַסטיגען שטראָם אַראָב אין דער נאַכט אַריין אַ בונט צופלאָכטענע האָר, און גיט זיך ווייטער אַ שטעל אויף אַ צושויבערטע, לעגט אַרויף איהר האַנד אויף זיין אַקסעל, און דרעהט זיך אַרום מיט

אַ שטאַרען אײַנגעשפּיזטען בליק אין זײַנע אויגען... טײל לויפֿען, און וואַרפֿען זיך ווי צעשראָקענע אַרום אין די פֿינסטערנישען, אָדער קריכען ברומענדיג מיט אויסגעקרימטע הענט און פֿיס אַרום אין די זאַמדען, ווי אומגעלומפּערטע פֿיר־פֿיסיגע ברואים, וואָס גראָבען זיך קאָנ־וואולסיוו ווי דערשטאָכענע מיט די קעפּ און די בײַכער אין דער ערד... אַנדערע דרעהען זיך פֿערשיכורטע וואָס אַ מאָל פֿלינקער און ווילדער אַרום, הויבענדיג אין די לופֿט די צעשויבערטע און צעהיצטע מיידלעך, וואָס שטעלען זיך דרייסט אויף זייערע אַקסלען מיט שעלמיש פֿאַר־לעגטע הענד, בעוואַרפֿען־ווערענדיג פֿון אַלע זייטען מיט היטלען, וועלכע זיי האַפּען געשיקט, וועהען דערמיט איבער די קעפּ, און גיבען צוריק אַ שפּרונג אַראָב, אַוועקלאָזענדיג זיך געיאָגטע פֿון צעשיכורטען יונגוואַרג אַהין צום ים, וואו זיי טרייבען זיך דאָרט מיט אַ ווילד הילכיג פּייפֿען צווישען די שיפֿלעך, ווי צעווילדעטע נאַקעטע שאָטענס, זיך בעשפּריצענדיג מיט שוים...

* *
*

די מיידלעך, צעהיצטע, צורעכטמאַכענדיג זיך די האָר, אָדער פֿאָכענדיג מיט די הענד איבער'ן דערשוויצטען פּנים, צוגעהען איינ־ציגע אָדער געאַרעמטע פּאָרלעך־ווייז שפּאַצירען ביים ים... טייל בלייבען שטעהן, און קוקען נאָך צו, ווי די לעצטע נאָך נישט אָבגעמאַטערטע פֿישער'ס שטיפֿען און יאָגען זיך נאָך אַרום. נאָך אַ פּאָר באָרוויסע אַנטלויפֿענדע מיידלעך, צווישען די, אויפֿ'ן ברעג צוגעמאַטענע פֿאַליעס, האַפּען און פּלאָנטערען זיך מיט די הענט אַ'ין אין זייערע דיקע צעלאָזענע האָר, שלעפּענדיג זיי צוקוויטשעטע נאָך נאָך זיך, אַוועק ערגיץ צווישען די שיפֿלעך... אַנדערע ציהען זיך אויס אויפֿ'ן זאַמד מיט פֿערוויקעלטע הענט אונטער'ן קאָפּ, ווי איינזאַמע שאָטענס, וואָס וואַכען אויף און בליהען, אויף די וויסטע ברעגעס, האַלטענדיג צווישען די ציהן פּאַפּיראָסען, וואָס קוקען אויס ווי צויבער־בלומלעך, וואָס צינדען זיך אָן, און וואַקסען אַרויס פֿון די שאָטענס, גליהען און רויכערען שטיל אין דער נאַכט אַריין... און פּלוצלונג גיבען זיי זיך ווידער אַ שטעל־אויף ווי אונרוהיגע, אַוועק־לאָזענדיג זיך, שטיל פּייפֿענדיג, מיט די הענד אין די טאַשען, מיט

די צעוואָרפענע קופּקעלעך, וואָס קומען איינס נאָך איינס אָן פון ערגיץ, שפּאַצירען שמועסענדיג אַהערך, דערווייטערען זיך, און זאַפּען זיך, ווי איינציגע קופּעס וואַנדערער, אַיין אין די ווייטע שטומע פינסטערנישען, איבערלאָזענדיג נאָך זיך בלויז אַוועקגעוואָרפענע אויסגעברענטע פּאַקעלען, וואָס וואַלגערען זיך ווי שטילע געשטאָרבענע קרבנות אַרום אויף די פערגליווערטע זאַמדיגע ברעגעס...

* *

*

שטיל געוואָרען. פון דערווייטענס צווישען די צעוואָרפענע רוהיגע בערג, וואָס האָבען ווי אָנגעזעטיגטע סטאַדעס שוואַרצע אונגעהויערע נאַכט-חיות צופּריעדען געהויערט אין די פינסטערנישען, שווימט נאָך ווען-ניט-ווען אויף אַנ׳איינזאַמער שאָטען פון אַ מענש, ווי אַ שלעפעריגער סטאַדע-שומר, וואָס בלאָנדזשעט אַ ביסעל, נאָר ווערט באַלד ערגיץ אין דער פינסטערניש געלאָשען... וואו-ניט-וואו שפּראָצט נאָך פון דאָרט ערגיץ אַפּער אַנ׳איינזאַם פייער׳ל, אָדער אַ ווייט נישט-דייטליך רוישען פון אַ שפּין-ראָה וועבט זיך שטיל און אומעטיג, ווי אַ טרויעריג ליעד, אין דער שטומער שטילקייט פון דער נאַכט...

ס׳ווערט רוהיגער. אויפ׳ן ווייטען האָריזאָנט שווימען און טוקען זיך שוואַרצע צוטרעמטע שטיקער וואָלקען, ווי ווילד צופּעלזענטע שפּיצען פון בערג, וואָס האָבען זיך דורך אַ שטורם ערגיץ פון אַ ווייטען בערגער-לאַנד אָבגעריסען, און וואָגלען ווי שטאָלצע ריזיגע אָדלער אַרום איבער די שטילע ביינאַכטיגע הימלען; די אָבגרונדען, ערמאַטערטע פון קאַמפּף, הויבען פּאַמעליך זיך אָן אָבצוקיהלען און אַנדרימלט צו ווערען אונטער׳ן לופטיגען הויך פון דער נאַכט. לייכטע צוריסענע שטיקער זילבערנער שוים, ווי צעוויגטע ליכטיגע אינזלען, ווייסע ים-בלומען, בליהען און לעשען זיך אויף די ווייכע צוגאָסענע פּאַליעס, ווי שטילע בליטהען-חלומות פון מיעד אַנדרימעלטען ים, טייל שוועבען אַרום מחנות-וויז, ווי קופּעס צוזאַמענגעבונדענע ברמינג׳ם, וואָס בלאָנדזשען און זוכען עפּיס אַרום אין די פינסטערע פערשלאָפענע וואַסערען, און ווערען צייטענווייז צוטריבען פון די ביזע דאָ און דאָרט געוועקטע פּאַליעס...

כווערט וואָס אַ מאָל שטילער. אין די ווייטע פינסטערנישען טהויען אַלע מאָל אויף די געשרייען פון יונגוואַרג, ווי אַ צערונגען געוועב פון אַ סך נישט דייטליכע שטימען, וואָס ווערט וואָס אַ מאָל מעהר צעריסען און איינגעזאַפּט אין דער שוואַרץ-צוגאָסענער נאַכט... ווען-ניט-ווען שווימט אויף פון ערגיץ אַ דערשראָקען געבליעסק פון אַ פאַליע, וואָס האָט פערבלאָנדזשעט אויפ'ן ברעג און צושמעטערט געוואָרען צווישען אַ הויפען אָנגעוואָרפענע פעלזען, וואָס לאָקערען ביים ים, ווי אַ שטיל צונויפגעטוליעטע קופּע פון ווילדע מיט גרינע צעשויבערטע האָר בעוואַקסענע גזלנים, אָדער אַנ'אויפגעוואַכטע נאַכט-פויגעל רופט זיך ערגיץ אָן צווישען די זאַמדען און אַנשטומט...

*

באַלד נישט לאַנג הערט זיך פון ערגיץ אַ שטיל גערודער. צווישען די לאַנגע אויסגעצויגענע שאָטענס פון די שיפלעך, וואָס דרימלען נעבען די ברעג-וואַסערען, ווי שוואַרצע פערשאָלטענע אין דער נאַכט פערגראָבענע ריזען, הויבט זיך פּלוצלונג אָן צו רודערן אַ לענגליכער שאָטען פון אַ מענש, וואָס בעוועגט זיך און קריכט אויף אַלע פיער, ווי אַ לאַנגער, פוילער, פון דער פינסטערניש אויסגעשיילטער נאַכט-וואַנדלער, אַרום, צווישען די טויטע פערצויבערטע העלדען זיינע וועקענדיג... באַלד קריכט ער צו צו'ן אַ שיפעל, בלייבט שטעהן דערביי אַ ביסעל, קרייזעלט עס בעשמעקענדיג אַרום, ווי אַ גרויסער שוואַרצער הונד, דאַן גיט ער עס אַ נעהם אַרום מיט זיינע הענד, ווי מיט צוויי שוואַרצע לאַפּעס, און גיט עס אַ שוואַכען רודער...

פון שיפעל גיט זיך שטיל און פאָרזיכטיג אַ שטעק-אַרויס אַ צעשויבערטער פרויען-קאָפּ, וואָס דערהויבט זיך אַ ביסעל, קוקט זיך אום, און בויגט זיך, וואָס אַ מאָל שטאַרקער אַריבער איבער'ן ראַנד פון שיפעל. שוואַרצע צופלאָסענע לאָקען, ווי שטיקער פערגליווערטע נאַכט, צגיסען זיך איבער איהר איבער'ן טיעף איבערגעבויגענעם האַלז, צופאַלענדיג איבער'ן ראַנד. זי בויגט זיך וואָס אַ מאָל טיעפער אַרויס, טאַפּענדיג מיט די הענד, ווי אַ בלינדע, אַרום אין די לופט, ביי די ווענד פונ'ם שיפעל, ביי וועלכען ליגט אַלס אויסגעצויגען דער

דיקער שוואַרצער שאָטען מיט אַ דערהויבענעם קאָפּ ווי אַ חיה און רופט זי שטיל מיט'ן פינגער:

„ס'איז שוין נישטאָ קיינער!" — פליסטערט שטיל אַפער פון אונטער'ן שיפעל.

זי גיט שנעל אַ שפרונג אַרויס פון שיפעל און גיט זיך אַ וואָרף־אַנידער אויף דר'ערד נעבען שאָטען, וואָס רוקט זיך אַלס וואָס אַ מאָל טיפער אַריין צווישען די שיפלעך, זי רופענדיג מיט'ן פינגער... זי רישט זיך נאָך איהם אויפ'ן זאַמד, אַזוי ווי זי וואָלט געשוואומען מיט אַ פערגאָסענעם קאָפּ האָר, וואָס פליסען און וואַרפען זיך אַרום אויף איהרע פלייצעס, ווי שטיקער שוואַרצע פערבלאָנדזשעטע פאַליע... און ווערט ערגיץ אונטער איהם פער־פאַלען — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

א. ה. שעפּס.

יוגענד.

ווי זאָל איך זיך לאָזען אין שטורם פון לעבען,
אַז כ'ווייס נישט, ווי קאָן מען גאָר יענעם בעזיגען,
אַז ס'רירט דאָס געוויין פון אַ קינד מיך ביז טרערען,
און ס'קאָן מיך אַ שמעקענדיג ווינטעל פערוויגען.

אַז כ'האָב נאָר אַ תפלה געגרייט אויף די ליפּען,
אַז ס'צאַפּעלט מיין האַרץ פון אַ פייגעל'ס געזאַנגען.
און כ'ווער פון פאַרנאַכטיגען מערב פערכשופט,
ווען ס'ווערט דאָרט די זון אין אַ פורפור פערגאַנגען.

ווי זאָל איך זיך לאָזען אין שטורם פון לעבען,
אַז כ'ווייס נאָר צו ליעבען, צו קושען און זינגען,
און ס'קאָן מיר אַ שמייכעל, אַ בליק פון אַ מיידעל
מיין יונגע פערבענקטע נשמה בעצווינגען.

א. ה. שעפּס.

* * *

ווען ס'ווערט דיין נשמה פון ליידען פערמאטערט,
די זעהסט נישט אין ערגעץ קיין וועג זיך צו ווענדען —
דאן ווענד דיינע שטומע פערצווייפעלטע בליקען
צום לאנה פון די היילינע שענע לעגענדען!

עס אטעמט נאך הארט דיין אמאליגע גרויסקייט.
אין פראכט פון דער געטליכער, שטאלצער ירושה:
פון בערגער און טאלען, פון ווערבעס און טייכען,
וואס זענען בעוועבט מיט א שיין פון קדושה.

עס פלאטערט נאך אום הארט דאס וואָרט פונ'ם נביא,
מיט ליעבע צופלאקערט, פון צארן פערביטערט,
און ס'הערט זיך, אזוי ווי א קריגס־ליעד פון העלדען,
האלט איבער די פעלדער און וועלדער געציטערט.

עס שימערט די קרוין דארט פון דוד המלך,
און שטראהלט מיט א מלכות ה׳ג, פרעכטיג פערבלענדען;
און וואַרט אויף דעם גרויסען, געזאלבטען משיח,
וואס דרעמעלט אין נעבעל פון אלטע לעגענדען.

י. מ. ווייסענבערג.

רֶבּ יואֵל.

אַ פּיעסע אין 5 בילדער.

ערשטעס בילד.

לייביש (הויפּטמאַן פון די גנבים, צו זיין ווייב, מלכה׳לען): נו, אַט ערשט האָבט איהר דיר שוין — ווייס חאָטש, וואָס פלעדערמויז קאָן.

מלכה׳לע: אוי, זאָגע מיר, אַזאַ פאַלשע, אַזאַ פאַלשע וועלט. מען זאָגט חאָטש אַ יונג, עס פעהלט איהם עפּיס. זעה נור, וואָס דאָ ליגט אָנגעלעגט אויפ׳ן טיש פאַר זיינט-וועגען. פון קיכען און פון שנאַפּס און פון פיש און פון פלייש — צום סוף געהט ער בע׳גנבה׳נען די חברה אויף עטליכע רובל און געהט עס פער-שפּיעלען אין קאָרטען.

לייביש (דרעהט זיך אַרום איבער דער שטוב): טפו! זאָל ער ווערען, אַזאַ מאוס׳ער גנב! אז נישט וואָלט ער עס דיר דען געבראַכט. ער זאָל עס אַפילו נישט פערשפּיעלען אין קאָרטען? אַ נישט וואָלט ער זיך געדאַרפט היטען און לויפען אונטערוויילעכם אָבשטעקען די גניבה — ווען ער זאָל עס האַלטען ביי ברענגען אַהיים? (פויזע. דרעהט זיך אַרום איבער דער שטוב שטאַרק צו-טראָגען).

בערקע (אַ ניעדעריג שוואַרצליכער געראַזירטער יונג מיט אַ פּאָר לאַקירקעס און אַ היטעלע אויפ׳ן שפּיץ קאָפּ, קומט אַריין): גוט שבת, לייביש! (דערזעהט מלכה׳לען) אַה, וואָס מאַכסט דו, מלכה׳לע?

מלכה׳לע: גאָרנישט. ווי איך זיץ, בערקע.

בערקע: (זעצט זיך).

לײבּיש: האָסט שױן האָטש גערעדט עפּיס נײעס?

בּערקע: װאָס?

לײבּיש: מיט פלעדערמױזען...

בּערקע: נײן, איך װײס נישט. איך האָב האָך איהם ערשט געזעהען בּײ „לילעפּודען" אין „טשײנע", און איך װײס פון גאָר־נישט. ער זיצט און שפּיעלט אין קאָרטען.

לײבּיש: װאו, בּײ לילעפּודען אין „טשײנע"? ער שפּיעלט שױן טאַקי אין קאָרטען?...

מלכּה׳לע: אָבער דו זעהסט שױן, מײנע רעד... עס װעט שױן קײנער נישט זעהען הערפון קײן אײן גראָשען. נישט דו און נישט איך און נישט ער (װײזט אויף בּערקען) און נישט קײנער.

לײבּיש: און דו האָסט איהם נישט געפרעגט, װאו ער האָט גענומען געלה?

בּערקע: װאָס איז מײן דאגה? איך װײס נישט און װיל נישט װיסען. א געשעפט האָב איך האָב מיט פלעדערמױזען, װאו ער האָט גענומען געלה!

לײבּיש: נו, יאָ... אַזױ זאָג איך אויך... זאָל ער געהן און זאָל ער שױן מעהר אויף מײנע אויגען נישט קומען.

מלכּה׳לע: נו, טאַקי, װער דאַרף איהם!

לײבּיש: נור א מאָמער װעט ער יאָ קומען — װאַרט, װעסט דו זעהען, װאָס פאַר א קאַטאַר איך װעל איהם הײנט מאַכען... דערװײל, מלכּה׳לע, בּרענג דאָס טשאָלענט. ער װעט קומען, זאָלסט דו איהם געבּען צו עסען און זאָלסט דיך גאָר נישט װיסענדיג מאַכען, גלײך עס װאָלט גאָר נישט געװען...

מלכּה׳לע: איך גײה שױן (נעהמט דעם שאַל איבּער׳ן קאָפּ. אָב).

בּערקע (בּלײבּענדיג אַלײן מיט לײבּיש׳ען): אָבער אפשר קאָן איך װיסען, װאָס דאָ איז געשעהען! פון װאָס פאַר א געלה שמועסט איהר, װאָס קײנער װעט שױן נישט האָבּען דערפון?

לײבּיש: דאָ איז אַזױ געשעהען. ער האָט מיך שױן הײנט געזונה אונטערגענאַרט באַלד צום פריה־מאַריגען. ער האָט שױן הײנט פערדי׳ענט א פּאָר זילבּערנע שטעהענדיגע לײכטער בּײ דער גראָבּער

לאהן פון טיש אראָב. הירלין לופּטשיק האָט ער זיי געצויגען, ווען עס איז קיינער נישט געווען אין שטוב, נור די דינסט. און אצינד האָט ער זיי שוין אָבגעשטעקט ערגעץ אין קיין האָן גיט שוין אפילו נישט קיין קריה נאָך זיי.

בערקע: וואָס איך הער!

לייביש: אָט דאָס, וואָס איך דערצעהל דיר.

בערקע: וואוהין האָט ער זיי אָבגעשטעקט?

לייביש: צו ר' יואלין, צו צירעלען — וואוהין זאָל ער זיי אָבשטעקען?

בערקע: דו ווייסט אויף געווים, אז דאָרט?

לייביש: וואָס פרעגט ער פאַר א שאלה. איך האָב באַלד אויף מיר געחאַפּט דעם פּאַלטאָ און אראָבגעלאָפען געוואָרד ווערען, וואו עס איז געווען די יעלה — און דערנאָך באַלד — צו ר' יואלין. נור איך האָב שוין קיינעם נישט געטראָפען, אויסער דער דינסט — עס איז שוין געווען נאָך אַלעם און ר' יואל מיט צירעלען זענען שוין געווען ביים דאַוונען, בין איך צוגעפאַלען צו דער דינסט, אז זי זאָל מיר זאָגען, האָט זי מיר דערצעהלט...

בערקע: און א טאָמער האָט ער געטראָגען גאָר עמיס נידערש-וואו?

לייביש: וואָס פאַר א שוואַרץ-יאָהר איז דאָס? צי איך דערצעהל דיר נישט, אז דאָ איז געווען א „יעלה" און דאָרט איז געקומען צולויפען פלעדערמויז צו ר' יואלין? וואָס דען האָט ער היינט געדאַרפט צו טוהן ביי ר' יואלין? — א חיב דו ווילסט מיר שוין אויך דעם קאָפּ פערדרעהען?...

בערקע: איך זאָל אזוי נישט וויסען פון קיין שלעכטס, ווי איך הייב נישט אָן צו וויסען פון קיין שום פותר חלום.

לייביש: אָבער ווי מיינסט די, איז עס שוין פערפאַלען?

בערקע: עס ווענדט זיך, צי האָט ער עס נאָך נישט פערשפּיעלט אין קאָרטען. דערווייל אָבער האָט ער שוין דאָס געלד פערשפּיעלט און ער שפּיעלט שוין ערשט אויף די חליוועס פון די שטיוועל...

לייביש: אַזוי גאָר האַלט עס שוין ביי איהם?

בערקע: יאָ, אַזוי שמאָל...

לייביש (גיט אַ מאַך מיט דער האַנד): נו, זאָל ער גיין.

בערקע: ווי פיעל, מיינסט דו, האָט ער עס איינגאַנצען גע־האַט, וויפיעל קאָן איהם ציירעלע געבען? — אַ דרייער־„שוואַלער“ איז געווען פאַר אַזאַ מין „סוביעקט“... און אפשר האָט ער מעהר. נור ער וויל נישט אַרויסווייזען. הערוויל אָבער האָט מיר חברה געזאָגט, אַז ער האָט שוין אַריינגעלאָזט אַ גאַנצען דרייער־רובל צו זיי. האָם היינט, איינגאַנצען שוין וויפיעל ער האָט פאַר זיי געקראָגען.

לייביש: פון מיינטוועגען לאָזט ער שוין אַריין דעם קאָפּ אויך.

בערקע: אפשר זאָל איך איהם גיין געבען אַ רוף?

לייביש: ניין. אַ בייז געשעהעניש איהם. דאָס געלד אָב וויל איך שוין אויך נישט.

מלכה׳לע (קומט אַריין מיט דעם טשאָלענט): פלעדערמויז געהט שוין...

בערקע: ער געהט שוין, גוט. מאַך דיך גאָר נישט וויסען, לייביש. איך וועל איהם שוין אַליין געבען אַ נעהם.

פלעדערמויז (קומט אַריין צו־געהן אין אַ פּאָר אַרומגע־שניטענע פאַנטאָפעל, בלייבט שטעהן מיט די הענד אין די הויזען־טאַשען).

בערקע: האַ, „יאַק־זשע־מאַש, פּאַטשאָרעק!“...

מלכה׳לע: אָ, וואו ביזט דו געווען אין די גרויסע פרעסט, פלעדערמויז?... זעה נור, וואָס פאַר אַ שוואַרץ פערענדערונג עס איז אויף דיר געקומען פון אין דער־פּייה ביז אַצינד. איך דערקען דאָך דיך שוין גאָר נישט! (ווייזט איהם אָן אויף די אַרומגע־שניטענע שיך ווייל).

פלעדערמויז: וואָס האָט איהר זיך עפּיס אַרומגעשטעלט ביי מיר — איך בין דאָך נאָך נישט געשטאָרבען און ס׳איז נאָך נישט היינט מיין לויה.

בערקע: ווייז נור, גוטער ברודער, וואו האָסט דו די שענע

ליפּטינגע „שטעהערס" דיינע, וואָס דו האָסט היינט געקלאַפּט אַ משא־מתן ?...

פּ ל ע ד ע ר מ ו י ז : וואָס פאַר אַ שענע ליפּטינגע שטעהערס? ווער, וואו, ווען, וואָס, האַ?

ל י י ב י ש : זעהסט, אַז ער ווייסט גאָר נישט... זעהסט שוין — אַפילו שונאים, נישט גוט זאָל זיי ווערען, האָבען געזאָגט אויף פּלעדערמויזען אַזוינס, וואָס קאָן גאָר נישט מעגליך זיין... איז אמת, אַז דו הייבסט גאָר נישט אָן צו הימען?

פּ ל ע ד ע ר מ ו י ז : ניין, איך ווייס נישט, פון גאָר נישט... די „חיה" זאָל מיר אַזוי דינען...

ל י י ב י ש : די פּריי?

פּ ל ע ד ע ר מ ו י ז : און מאַנדערע, ווייס איך יאָ; נו, וואָס קומט מיר דערפאַר — האָב איך אַזוי געוואָלט! און טשעפּעט זיך אָב פון מיר. וואָס פאַר אַ געשעפטען האָב איך מיט איך!

ל י י ב י ש : קוס־ושע נור אַהער, דו הילצערנער גנב — פאַר וואָס, זאָג מיר, האָסט דו זיי חאַטש פערקויפט: פאַר צינק, פאַר בליי, פאַר האָלץ, פאַר שטיין, פאַר ביין?

פּ ל ע ד ע ר מ ו י ז : האַ? — —

ל י י ב י ש : מאיז געווען זילבער — האָסט דו חאַטש געליקט די פּריות, חאַטש ווי אַ גנב עס קומט?

פּ ל ע ד ע ר מ ו י ז : האַ?! — —

ל י י ב י ש : אָבער זעהסט די שוין, אַז עס זאָל אַ רוח אין דיין טאַטען אַריין! (ווענדט זיך אָב צו מלכה׳לען). מלכה, גיב אויף דעם קוגעל. — —

(אַלע בלייבען שטעהן אַ ווייל׳ע, ווי אָנגעשטויסען איינס אויף דאָס אַנדערע, קוקען זיך אָן בייז).

מ ל כ ה ׳ ל ע : און וואָס? — איך האָב חען נישט געוואוסט פריהער? — אַזאַ תכלית זאָל ער מאַכען פון זיין לעבען, וואָס פאַר אַ תכלית ער מאַכט פון די פּאָר גראָשען... (זי גערט אויפגעבען דעם קוגעל. אַלע געהען צום טיש שווייגענדיג)

צווייטעס בילד.

לאה (אַ חיקל'כע, מיט אַ ברענענדיג לאַמטער'ל אין דער האַנד, שטעהט מיט דער דיענסט ביי לייביש'ען אין שטוב): נו, לייביש'לו — זעהסט דו שוין: אַ באַרג מיט אַ באַרג קאָנען זיך נישט צונויפקומען — אָבער אַ מענש מיט אַ מענש?...

לייביש: אודאי, אודאי, — אַ מענש מיט אַ מענש... זיצט, לאה'שי (צו דער דיענסט), זיצט איהר אויך.

לאה: אַ שענעם דאַנק... (זעצט זיך, די דיענסט דעם־לייכען).

לייביש: נו, וואָס האָט איהר געוואָלט זאָגען עפּיס גוטס?

לאה: גאָר נישט — נור אָט פערשטעהסט דו מיך, בין איך ערשט געקומען צו דיר.

לייביש: נו, פאַר וואָס נישט, עס פרעהט מיך זעהר, מיט דעם גרעסטען פערגעניגען!

לאה: אוי, לייביש'לו — איך דערמאָהן מיך ערשט, ווי אַזוי אונזערע עלטערען האָבען געלעבט — טאַקי, ווי שוועסטער און ברידער. און היינט איז מען אַזוי פעריאָגט איינס פון דאָס אַנדערע. — דו ווייסט, לייביש'לו, אַז דו ביזט אינגאַנצען אויס־געוואַקסען אויף מיינע הענד?

לייביש: איך געדענק עס נישט — איך הייב עס נישט אָן צו געדענקען.

לאה: יאָ, יאָ, קינד מיינס, מעגסט מיר גלויבען.

לייביש: נור קענען־וואָס איז דען, לאה'שי?

לאה: אוי, דיין מאַמע, דיר צו לענגערע יאָהר... ס'איז דאָך שוין היינט גאָר נישט דאָ אַזוינס אויף דער וועלט — — אוי, אַ מין צדיקת!

לייביש: נו, יאָ, ס'איז שוין טאַקי נישט דאָ — נו, מילא, נו, וואָס־זשע?

לאה: מילא, מן הסתם דאַרף אַזוי צו זיין...

לייביש: אָבער קעגען-ווינס, לאה'שי, האָט איהר עס געזאָלט זאָגען? און איהר וואָלט מיר נישט געקאָנט דערצעהלען, נאָך וואָס איהר זענט געקומען:

לאה: וואָס טייטש, צו וואָס איך בין געקומען? — אַקוּדם, מילא, זע'מיר דאָך גלאַט אַזוי, שכנים — ?

לייביש: נו, מילא, אַזוי... אַזוי... זיצט זשע. קיינער שטערט אייך חלילה נישט (שטעהט אויף, געהט אָב איבער דער שטוב מיט אַ קוועטש אין די פּלייצעס). קומט האָטש אַלע טאָג צו מיר זיצען... מיין שטוב איז חלילה נישט געמאַכט געוואָרען אויף אַרויסצוטרייבען מענשען... אדרבה, זיצט, לאה'שי, וויפיעל אייער האַרץ גלוסט...

לאה (אויפשטעהענדיג און נאָכגעהענדיג איהם מיט'ן לאַמטערן הינטער די פּלייצעס): הער-זשע נור, לייביש'לו... כ'האָב דאָך דיר נאָך עפּוס אָבער צו זאָגען...

לייביש: נו, זאָגט-זשע — הערסט דו, דאָס פרעג איך דאָך אייך...

לאה: יאָ, לייביש'לו...

לייביש: נו, זיצט, זיצט, לאה'שי, נישט-קשה, וועל'מיר זיך אַ הירכשמועסען... (לאה זעצט זיך צוריק אַנידער, לייביש בייגט זיך עטוואָס איבער).

לאה: הערסט די דאָך, לייביש'לו, מען האָט דאָך מיך נעבעך בהלות געשטעלט...

לייביש: וואָס? מען האָט אייך בע'גנבה'ט?

לאה: יאָ, יאָ, לייביש'לו. זעהסט די שוין, אַז דו ווייסט... מ—מ... אַ גוט-יאָהר אויף דיר...

לייביש: ניין, ווייסען ווייס איך נישט — נור, מילא, איך פערשטעה דאָך; מן הסתם, אַז מען קומט שוין צו מיר. — —

לאה: יאָ, לייביש'לו, איך בין טאַקי געקומען צו דיר, אַז די זאָלסט מיר די זאַך אויספאָרשען...

די ענטע: וואָס דאַרפט איהר פאָרשען? — איך זאָג דאָך

אייך — איך זאָל אַזוי זעהען גוטס פאַר מײַנע אויגען, ווי איך האָב געזעהען פלעדערמויזען...

לאה: שאַ, די, לײַבישל׳ו, מן השמים ווייסט שוין בעסער ווער.. האָב קיין מורא נישט...

לײַביש: ביין, ווייסען ווייס איך נישט — נור געוואָהר ווערען קאָן מען דאָך...

לאה: נו, יאָ... פון ערשטען שליאַה אָן... מילא, פלעדער־מויז איז טאַקי אַ גאַנץ שטילער יונגערמאַן. אודאי קאָן מען דאָך נישט אומזיסט חושד זיין קיין מענשען. נור איך האָף צו גאָט, אַז די וועסט שוין אודאי געפינען דעם אמת׳ן שליאַה...

לײַביש: מילא, און דאָס פערשטעהסט איהר דאָך אַליין אויך, אַז עס איז שווערער אויסצופאָרשען אַ זאַך, ווי צו געהן זי פערקויפען...

לאה: ס׳הייסט?

לײַביש: ס׳מיין — יאָ, נישט־קשה, זיצט נאָך, לאה׳שי... וועל׳מיר זיך נאָך אַדורכשמועסען...

מלכה׳לע: (קומט אַריין צו־געהן).

לאה: ווער־זשע איז דאָס?

לײַביש: איהר דערקענט זי דען נישט? דאָס איז דאָך מיין מלכה׳לע.

מלכה׳לע: נישט־קשה, נישט־קשה, שרעקט אייך נישט, לאה׳שי, עס איז חלילה נישט קיין פרעמדע.

לאה: יאָ, איך דערקען דיך שוין... טאַקי מלכה׳לע. אַ גוט־יאָהר אויף דיר. כ׳האָב דיך שוין שיער נישט דערקענט. ס׳איז אַ סימן, פערשטעהסט די מיך, קינד מיינס, אַז דו וועסט רייך ווערען...

מלכה׳לע: געהט שוין, לאה׳שי... אַ שפּאַס פון היינטיגע געשעפטען...

לאה: מילא, פונדעסטוועגען איז דאָס אויך נישט צו פער־זינדיגען... אויף בעסערס בעט מען דאָד שטענדיג דעם רבונו של עולם. — —

מלכה'לע: מילא, יא, — מען לעבט דאָך פאָרט...

לאה: וואָרום, פערשטעהסט די מיך, קינד מיינס — מען טאָר נישט זינדיגען קעגען דעם רבונו של עולם. וואָרום איך האָב אויך אַלין נור געהאַט ייך צו קלאָגען, ביז דער רבונו של עולם האָט מיר צוגעשיקט היינט אַזא אומגליק.

מלכה'לע: טפו, טפו, טפו — אויף אַלע וויסטע וועלדער געזאָגט. וואָס איז עס אייך געשעהען, לאה'שי?

לאה (אָבזיפצענדיג): מען האָט דאָך מיר די זילבערנע לייכ-טער אַרויסגענומען הינטער דעם אָפענעם ליכטשיק. און וואָס זאָל איך דיר זאָגען, מלכה'שי קרוין? — עס האָט דאָך דיר נישט געדויערט, אַט אַזוי ווי איך שטעהען דאָ מיט דיר, ווי מען האָט זיי מיר אַרויסגעכאַפט — נור וואָס דען? א נס עפּיס מן השמים איז מיר געשעהען, וואָס זיי זענען האַמש נישט אַריינגעפאַלען אין קיין פרעמדער האַנד אַריין. א נישט, וואָלט שוין אַפילו קיין האָן נישט קיין קריה געטהון נאָך זיי.

מלכה'לע: דהיינו? — וואָס הייסט, נישט אין קיין פרעמדער האַנד אַריין?

לאה: מ'הייסט, דאָס אויסשליאַדערוען, מיין איך, איז נישט אַריינגעפאַלען צו קיין פרעמדען אין דער האַנד אַריין, נור צו דיין לייבּיש'ען.

מלכה'לע: וואָס, מיין לייבּיש געהט אויסשליאַדערוען?

לאה: יא, איך האָב שוין דאָ געשמועסט מיט איהם.

מלכה'לע: מילא, אַזוי איז עפּיס אַנדערש. הערט איהר דאָך, איך האָב געמיינט, אַז איהר זענט חלילה עפּיס חושד אונ-זער הויז.

לאה: וואָס בין איך משוגע, צו חסר-דעה — געה שוין נאַרעלע, זאָלסט מיר נישט פאַראיבעל האָבען — איך האָב געזאָגט, אַז דאָס אויסשליאַדערוען... איך נישט ווייס איך דען נישט, אַז לייבּיש ווייסט נישט פון גאָרנישט. נור אויסשליאַדערוען.

מלכה'לע: מילא, אויסשליאַדערוען איז דאָך שוין עפּיס אַנדערש. יאָ, איהר וועט נור געבען א בעט מיין מאַן

לאה (אונטערטעניג): מילא, איך האלט דאך אידם טאקע נור אין בעטען.

לייביש: איהר דארפט מיך נישט בעטען, לאה'שי! — איך וועל שוין זעהען אויסצוטאפען אלע ערטער, איך וועל מיך שוין נאכפרעגען.

לאה: מילא, הלואי — און ווייטער, מילא, לייבישלו, דו ווייסט דאך, אז קיין געלד שפיעלט קיין ראלע נישט. דו וועסט דאך עם קריגען, וויפיעל דו וועסט נור אליין וועלען.

לייביש: יא, יא, איהר קאנט שוין זיין זיכער.

מלכה'לע: מילא, אזוי איז עפעס אנדערש...

לאה (הייבט אויף דאס לאמטערנע, קוקט אריין צום ברע־נענדיגען שטיקעל ליכט): נו, מילא, האט מיר א גוטע וואך.

לייביש און מלכה'לע: אגוטע וואך — א גוט יאהר. איהר קאנט שוין זיין זיכער.

לאה: שא זשע נור, ווען זשע זאל איך ארויםקומען נאך דיר?

לייביש: מארגען ארום איינס, האלב צוויי — וועלען דיר שוין זיין גרייט. שוין אויף זיכער.

לאה: מילא הלואי... (געהט ארוים, די דיענסט נאך איהר. לייביש און מלכה'לע בעגלייטען זי אין דער אפענער טהיר אריין).

לייביש (צו מלכה'לען, אומקעהרענדיג זיך צוריק אויף דער שטוב ארוים): נו, וואס זאגסט די אצינד?

בערקע און פלעדערמויז (קומען אריין): ווער איז עס דא ערשט ארויסגעגאנגען?

לייביש: לאה איז דא געוועזען.

פלעדערמויז: מיט דער דיענסט?

לייביש: יא.

פלעדערמויז: מיט איהר? א גרויסער שאד, וואס איך בין דא נישט געוועזען. ווי איך בין א יוד, איך וואלט שוין גע־וואוסט, וואס איך האב צו טהון...

לייביש: זעהסט שוין, וואס פלעדערמויזען ליגט אין קאפ...

פלעדערמויז: נו, וואָס זאָל מיר ליגען? מיינסט, מיין נשמה איז אַ ראָזשינקע?

לייביש: און ביי יואל'ן ביזט די געוועזען נאָך אַמאָל?

פלעדערמויז: נור וואָס זשע דען?

בערקע: מיר געהען ערשט גלייך פון איהם.

לייביש: נו, איהר האָט עפּיס געמאַכט?

בערקע: אַ גענעכטיגער טאָג. עס איז גאָר נישט דאָ, זאָג איך ה׳ר, קיין טויט פאַר זיינט־וועגען. ער שטעהט און זאָגט זמירות און רופט זיך אַפילו נישט אָן מיט קיין וואָרט.

פלעדערמויז: ער שטעהט גאָר נישט — ער דרעהט זיך גאָר אַרום איבער דער שטוב און זאָגט: — אליהו הנביא, אליהו התשבי... — איך זאָל אַזוי וויסען פון זיין קאָפּ, ווי איך ווייס, וואָס ער האַקט מיר דאָרט אונטער די זייטען און וואָס ער מיינט דער־מיט... נור סיי ווי סיי, די לייכטערס נישט אַבצוגעבען — דאָס קאָן איך פון אויבּהעניג פערשטעהן.

מלכה׳לע: ווי הייסט, ער האָט עס גאָר נישט געזאָגט?

פלעדערמויז: אַ נאַר וואָלט ער געווען.

בערקע: אַז ער שטעהט און זאָגט זמירות, צי וואָס זאָל ער זיך נאָך אָנרופען?

לייביש: און צירעלע וואָס זאָגט?

בערקע: זי וואָס זאָגט? וואָס מאַכט איהר זיך נאַריש, זאָגט זי — אַזוי ווי צווישען די קליינע קינדער,,,, — פערקויפט און צוריק אָבגענומען... אויף אַזא אַרט, זאָגט זי, וואָלט מען דאָך גאָר נישט געדאַרפט האַנדלען אויף דער וועלט...

לייביש: נו, וואָס־זשע האָסט די געטהון?

בערקע: האָב איך געכאַפּט אַנ׳אַכטעל ביער — עס אַ קודם אַרויס־געלאָזט אויף דער שטוב, און צובראָכען, ציקנעטען מיט די פיס אבשר אַ שאָק פלעשער — גער זער, מען שווימט דאָרט אַרום.

לייביש: ביי דעם אמת זאָלסט דו אַזוי לעבען, זאָל דיר די פּריי אַזוי דינען, ווי דו האָסט אַזוי געטהון?

בערקע: פרעג פלעדערמויזען.

פלעדערמויז: מיר זאל די פריי אזוי דינען. ווי-באלד נישט — זאל איך „פערשיט" ווערען ביי דעם ערשטען בעסטען געוועלבעל, צו וועלכען איך וועל נור צוגעהן, ווי ר' יואל האט געמאכט א געוואלד: „ראבושניקי, ראבושניקי", אז איך האב איהם אויש געגעבען א פאק און ביים גארגעל — שטיל ארוח אין דיין...

לייביש: נור, סיי ווי סיי מוזען מיר זעהען די לייכטער אבצונעהמען. זיי זענען שוין בעשטימט צוריק פאר לאהם וועגען... שוין א חוץ אלעם, וואס צירעלע האט זיי אויסגענארט פאר דרייי רובל...

דריטעס בילד.

ר׳ יואל: שוין אויסגעפיהרט, האַ, צירעלע?

צירעלע: אָבער וואָס נאָך ווילען זיי האָבען פון מיר?

ר׳ יואל: די לייכטער, נישט אַנדערש, נור די לייכטער צוריק.

צירעלע: אוי, וואָס מיך האָט געטראָפען.

ר׳ יואל: עס זאָל זיך ערשט טרעפען פאַר מיר און פאַר כל ישראל, אַז דו זאָלסט וויסען, וואָס הייסט אַ מאַן מבטל צו זיין פון תורה. (פויזע). כ׳האָב מיך אָבער געבעטען ביי איהר, ווי מען בעט זיך ביי אַ גזלן — קויף נישט, איך וויל נישט קויפען... האָט זי געשריגען: מען טאָר קיין קנים נישט פערשרייבען! — יואל, האָבט אַ שענק, האָט זי געשריגען און געטייטעל׳ט מיר מיט׳ן פינגערל אין די אויגען אַריין. אַז דייטען זאָל מען דיר שוין, וואוהין איך ווייס...

צירעלע: יואל, וואָס ווילסט דו פון מיר האָבען! — פערמאַך שוין אַמאָל דאָס מויל, די מויד געהט דאָך שוין אַריין...

דינסט-מיידעל (קומט אַריין דורך דער דרויסען-טהיר, ר׳ יואל רוקט זיך אָב אָן אַ זייט, מאַכט זיך נישט וויסען).

צירעלע: נו, דו ביזט געווען אַ קוק טהון ביי לייביש׳ען, צי איז ער דאָ אין דער-היים?

דינסט-מיידעל: כ׳האָב שיער האַלז און נאַקען געבראָכען, איידער איך האָב שוין דערלעבט אַרויסצוקומען פון יענער שטוב.

ר׳ יואל: אַלע די גנבים, האַ? מען האָט שוין דיך געוואָלט בערצחענען, די פאַטשיילע אַראָבהאַפען?

צירעלע: וואָס מישט דו דיך אַריין אין אַזוינע זאַכען, יואל? זי איז אַ מיידעל און פלעדערמויז אַ יונג, ווייס איך דאָרט וואָס... און ער מישט זיך אַריין. (צום מיידעל). נו, האָבסט די איהם געטראָפען און געזאָגט איהם, אַז איך האָב איהם געבעטען קומען?

ה י נ ד ע ל - מ י י ד ע ל: איך האָב איהם געטראָפֿען, און אַלצדינג.. נור ער האָט געזאָגט, אַז מען זאָל קומען צו איהם..

צ י ר ע ל ע: צו איהם?

ר' י ו א ל: נור וואָס־זשע האָסטו געמיינט? אודאי צו איהם... און ערשט גערעדט, צירעלע, גערעדט צו היינט „קאָמפּאַניע"...

צ י ר ע ל ע: אוי, אַנ'אומגליק האָט מיך געטראָפֿען מיט דעם מאַן! יואל, דו שעכסט דאָך מיך אָהן אַ מעסער! (צום מיידעל). נו, אדרבה, דער האָטש דו אויס די גרויסע צרות מיינע: נור מיך וויל ער היקא שיקען צו לייביש'ען מאָהנען אַ חוב, וואָס ער האָט אָנגעבאָרגט אין שענק, — און דערפֿאַר יאָגט ער מיך אַזוי און פּלאָגט מיך אַזוי.

ה י נ ד ע ל - מ י י ד ע ל: נו, האָט איהר דאָך געקאָנט מיר זאָגען, אַז איך זאָל ביי איהם מאָהנען געלט?

צ י ר ע ל ע: אָבער ער האָט געזאָגט, אַז אַהער וועט ער נישט קומען?

ה י נ ד ע ל - מ י י ד ע ל: ניין. ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף זאָל מען קומען צו איהם.. און וואָס אַ שטייגער, בעל־הבית'טע, קאָנט איהר דאַרפֿען צו איהם — איבער אַ חוב? האַ? איך וואָלט נישט געגאַנגען צו איהם.

צ י ר ע ל ע: אוי, וואָס ווייסטו דו, קינד־לעב, וואָס דער מאַן פּייניגט מיך אויס...

ה י נ ד ע ל - מ י י ד ע ל: איך וואָלט נישט געגאַנגען צו איהם, ביי קיין שום אופֿן!

ר' י ו א ל: האָסטו דיך שוין צו שמועסט? צירעלע, וועמען דאַרפֿסטו דו אָבגעבען ראַפּאָרט פֿון דיינע געשעפֿטען?

ה י נ ד ע ל - מ י י ד ע ל (אָבגעהענדיג אָן אַ זייט): מען ווייסט שוין אַזוי אויך... (הויך). איך וואָלט נישט געגאַנגען צו איהם; פּאָלגט מיך, בעל־הבית'טע, ס'איז נישט כדאי צו געהן אין יענעם הויז צרייך איבער אַ חוב...

ר' י ו א ל: נו, וואָ געפֿעלט דיר אַזאַ ביין בעגעגניש? שיקסטע אַרויס פֿון מיין שטוב!...

דיענסט-מיידעל (צוועקגעהענדיג אין דער צווייטער שטוב):
נו, האָב איך אַ גרויס געשעפֿט מיט אייך, — האָט מען אייך אין דרערד מיט אייערע גניבות... (פֿערשווינד. בעווייזט זיך אין אַ רגע אַרום צוריק). בעל-הבית'טע, איך וואָלט נישט געגאַנגען צו איהם... פֿאָלגט מיך און געהט אויך נישט — —

ר' יואל: שווייגט! אויסגעהערט זאָלסט די ווערען! (דיענסט-מיידעל ענטלויפֿט מיט אַ פֿערקלאַפּ די טהיר. אַ ווײַלע שטיל).

צירעלע: נו, וואָס זאָגסט דו, יואל — זאָל איך טאַקי געהן אין יענעם הויז אַריין?

ר' יואל: נור וואָס דען וועסט די מאַכען מיט איהם? —

צירעלע: אוי וועה, וועה געוועג! — דערצעהל מיר חאָטש, גאָלדענער איינגעבעטענער, ווי אַזוי דאָס איז געוועזען.

ר' יואל: גאָר-נישט. אַזוי ווי איך בין נור אַריינגעקומען, האָב איך מיך געפֿרעגט, צי דער בעל-ברית איז דאָ, צי דאָ איז עס די שטוב, וואו עס האָט צו זיין דער ברית? האָט מען מיר געענטפֿערט אַז יאָ. און ווער זאָל ווייסען, וואו און וואָס פֿאַר אַ שטוב איך בין אַריינגעקומען — בין איך צוגעגאַנגען אויבען-אָן און געוואָלט זאָגען „מזל טוב" דעם בעל-הבית פֿון דאָרט, טהייטש, לייביש'ען דעם שוסטער; צום סוף, איך גיב אַ קוק, איז עס גאָר לייביש דער גנב. מילא, טראַכט איך, האָט זיך אפשר דער שליח, וואָס איז מיך געקומען רופֿען אויפֿ'ן ברית, טועה געוועזען, ער האָט מיר געוואָלט זאָגען, ביי לייביש גנב — האָט ער מיר געזאָגט, ביי לייביש שוסטער; אָבער אַזוי, וואָס וואונדער, האָט ער נישט קיין טעות געהאַט. — און איך, זעה דאָך אַ פֿערהאַנגען בעט מיט אַ עיר-המעלות בריוועל, זאָל זיין דאָ דער ברית — מילא, וואָס איז מיר שוין די נפֿקא-מינה, צי ביי דעם ייד, צי ביי דעם ייד... צוה איך אויס דיר האַנט, איהם צו געבען זי, און וויל איהם אַזוי אָנווינשען; זעה איך ער זיצט איבער אַ קרבן-מנחה-סדור און שאָקעלט זיך שטאַרק. לייביש — זאָג איך — „מזל-טוב"... ער ענטפֿערט מיר נישט. נור אפשר איז אַ צייט אַרום גיט ער אַ לאָז אַרויס מיט אַ גמרא-ניגון: „אמר אביי — האָט אביי געזאָגט"... און אין שטוב ווערט צוריק שטיל... דאָרט אין עגיגעל האָבען זיך מיר אויפֿגע-

שטעלט: — וואָס קאָן דאָס זיין?... גיי איך צו צו דער פֿאַרהאַנג און וויל אַזוי אַרונטער ווינטשן דער קימפּעטאָרין, אַזוי ווי עס פֿירט זיך. ערשט די קימפּעטאָרין קרעכצט גאָר... וואָס קאָן דאָס זיין? גיי איך ווייטער צוריק צו צו לייבישן. לייביש — זאָג איך — וואָס קאָן דאָס זיין?... „אמר אביי — צושאָקלט ער זיך ווייטער מיט דעם אייגענעם גמרא־ניגון — האָט אביי געזאָגט“... און איך בלייב שוין שטיין, איך האָב שוין גאָר דעם רעיון פֿאַרלוירן, איך הייב שוין גאָרנישט אָן צו חושן, איך ווייס וועלכער וועלט איך בין. און דאָ ערשט דערהער איך פֿון אונטערן אויוון אַ געשטיקט געלעכטער פֿון עטליכע מענשן, וואָס שטיקן זיך און קוועטשן זיך, אַז מען זאָל זיי נישט דערהערן. פֿאַלט מיר איין צו עפּעס, איך גיי צו און שאַרין אַ ביסעלע אַוועק די פֿאַרהאַנג צו געבן אַ קוק אַרונטער, וואָס דאָרט טוט זיך — שטעקט מיר אַפֿער בערקעלע קעלבאַס די האַנט און שפּרינגט אַרויס פֿון בעט און הייבט זיך אָן מיט מיר צו פֿרעגן: „אַ, ר׳ יואל, איהר זענט געקומען אויפֿ׳ן ברית?... טאַקי גאַנץ גוט, וואָס איהר זענט געקומען“... ווער איך דאָך נבהל ונשתומם. וואָרום, ווי קומט אַ יונג צו דער קימפּעטאָרין אין בעט אַריין? מאַכט ער צו מיר: „איהר חידוש׳ט זיך, ר׳ יואל? — דיינט, זאָגט ער, איז אַזאַ מאָדע, וועדען גאָר יונגען געלעגען“... הייב איך דאָך אָן צו שרייען: געוואַלד, לייבישליו, וואו בין איך ערגיץ דאָ אין דער וועלט? שטעלט ער זיך צו מיר אויף און גיט מיר די האַנד: „אַ, שלום־עליכם, ר׳ יואל; איהר זענט געקומען אודאי אויפֿ׳ן ברית?“... אודאי, זאָג איך, יאָ, אויפֿ׳ן ברית... „נו, זיצט, זייט־זשע מוחל — זאָגט ער — און לעגט אַוועק דעם טלית, דער עולם קומט זיך באַלד צונויף“. לייבישליו, זאָג איך, אָבער וואו האָסט דו די קימפּעטאָרין, — זעה נור, בערקע איז דאָך גאָר געלעגען אין בעט... „ס׳איז נישט אייער דאגה, זאָגט ער, אַז מען זאָגט אייך, לעגט אַוועק דעם טלית, זאָלט איהר איהם אַוועקלעגען“. לעג איך איהם אַוועק. „ווייזט נור, זאָגט ער, ר׳ יואל — דאַכט זיך מיר, איהר האָט גאָר פֿיינעם טאַבאַק צום שמעקן... נעהם איך אַרויס די זילבערנע פּושקע, מילא, פֿאַרוואָס נישט; אַ ייד בעט אַ שמעק־טאַבאַק — נעמט ער זי מיר אינגאַנצען אַרויס פֿון דער האַנד און לעגט זי אויך אַוועק אויפֿ׳ן טיש נעבען טלית. מילא, ליגען זיי

שוין בײדע. און אַז בײדע ליגן שוין, מאַכט ער צו מיר ווײַטער: „דו שפּעטסט קאָן שוין זײַן ערשט, ר' יואל — ענטקעגען ברית מײַן איך"... מילא, נעהם איך אַרויס דאָס זילבערנע זײגערל און זאָג אַזוי: „ווי שפּעט עס איז — נעמט „ער" עס אויך בײַ מיר אַרויס פֿון דער האַנט און לײגט עס אויך אַוועק אויפֿן טיש נעבן דער פּושקע מיט דעם טלית; מילא, ליגן זײ שוין אַלע דרײַ. נעהמט אָבער בעטן דער יונג, און שטעקט מיר אַרײַן בײדע הענט אין די קעשענעס און נעהמט בײַ מיר צו אַלצדינג, וואָס איך האָב פֿערמאָגט: אַז די זײדענע טאַשטעל, אַז דאָס בינטעל ציצית, וואָס איך האָב געקויפֿט בײַ דעם רבינ'ס אייניקעל פֿאַר דרײַטהאַלבען רובל, און טלית אַרײַנ־צוציהען; נור אויף דעם האָבען זײ זיך שוין געקענט אַ קרענק, און זײ האָבען עס מיר צוריק אָפּגעגעבען. ווײַטער האָבען זײ בײַ מיר אַלץ צוגענומען — עטליכע גילדען קלײן־געלד, וואָס איך האָב געהאַט אין בײטעלע, אַפֿילו די רויטפּאַטשײלע און די שטיוועל און האָבען מיר געגעבען אָנצושטעקען פֿלעדערמויז'ס אַ פּאָר שטעק־שיך, וואָס ער האָט אַרומגעשניטען פֿון אַ פּאָר אַלטע האַלעוועס, און מיך אַזוי געהײסען אַרויס גיהן, מיט דער אַטלעסענער קאַפּאָטע און מיט די שטעק־שיך איבער דער גאַס. האָב איך דאָן אָנגעהויבען צו מאַכען אַ געוואַלד: כמעטש, ייִדען, וואָס טוט איהר מיר? און איך האָב געוואָלט צולויפֿען צום פֿענסטער שרײַען, אַז מענשען זאָלען אַרויס־קומען מיר צו הילף, — האָט מיך אָבער לײביש'ל אָנגעהאַפּט בײַם גאַרגעל און אַוועקגעשלעפּט מיך אין מיטען שטוב אַרײַן, און געוואָלט מיך דערשטיקען. האָב איך מיך געמוזט אויפֿהײבען און אַראָפּ־געהן בחרפה ובבושה און נישט רעדען נאָך קײן אײן וואָרט; וואָרום, אַז נישט — איז מײַן לעבען געוועזען אָנגעשטעלט, האָט עס געהאַנגען אויף אַ האָר. און פֿלעדערמויז מיט אַ גאַנצע טשאַטע יונגען פֿון אונטער'ן אויוען אַפּער זענען מיר נאָך נאָכגעלאָפֿען מיט אַ היטעל ריז פֿון קוימען אַרויס. און מיך נאָך געוואָלט אײַנריזען אויף דער גאַס אַרויס — אַ מערכה, לײביש'ל האָט נישט געלאָזט... כ'איז נאָך גוט האַטש, וואָס ער האָט דאָס נישט דערלאָזט — בײַ אַזאַ הפקר־יונג שפּילט עפּיס אַ ראָלע...

צירעלע: וועה, וועה, גענוג...

ר' יואל: מאַך־זשע נישט קײן געשעפּטען, צירעלע, גע־

דשע. גיב זיי אַוועק די לייכטער און ברענג מיר אָב די זאַכען.

צירעלע: וועה, וועה, געגנוו...

ר' יואל: וואָס־זשע קרענקסט דו דיך, צירעלע — עס גלוסט דיך נישט אַרויסצוגעבען די לייכטער?

צירעלע: דו זאָלסט אַזוי האָרעווען מיט'ן ביטערען שווייס, ווי איך האָרעווע געביך אויף יעדען גראָשען... און וואו נור אַ פּלאָג מוז עס געפאַלען צירעלען אין קאָפּ אַריין, מוז אומעטום נור איך מיט'ן קאָפּ פערלעגען (געהט צו צו דער שאַפע געהמט אַרויס די לייכטער). וועה, וועה מיר! אַזוינע גילדערנע חפצים מוז מען אַליין פרייוויליג־געריכען אַפּטראָגען מיט די אייגענע הענד... דאָס הייסט אַליין זיך איבערגעפיהרט...

ר' יואל: האַנדעל נישט נאָך־אַ־מאָל מיט קיין גנבים. נאָך־אַ־מאָל, אַז זיי וועלען מיר וועלכעס די שוועל איבערטרעטען, זאָלסט די ווינען זיין, צירעלע מיין ווייב, אַז איך וועל עס נישט אויסהאַלטען; איך וועל ענטלויפען אין עק וועלט אַריין, און איך וועל אויסשרייען אין אַלע גאַסען, אַז איבער אַ שלעכט ווייב, וואָס האָט מיך מבטל געווען פון דער תורה און נישט געלאָזט עוסק זיין אין גאָטס מצוות האָב איך געמוזט עיקר מדינה זיין... און יודען, בני־רחמנים, העלפט מיר, יודען, און לאָזט מיך נישט פאַלען, אַז איך זאָל קאָנען איצט אויך זיצען און לערנען גאָט'ס תורה, אַזוי ווי מיין באַגעהר איז...

צירעלע (נעהמענדיג אַ פּאַטשיילע איבער'ן קאָפּ און אונטער דעם פּאַטשיילע די לייכטער, לאָזט זיך געהן צו דער טהיר, קושט די מזוזה): אַלץ נעבוך דעם ווייסטען ווייב, אַלץ נעבוך איז זי מחויב אומעטום מיט'ן קאָפּ צו פערלעגען... יואל, גיב אַכטונג, מען זאָל אונז נאָך חלילה נישט בעגנבה'נען. (געהט אַרויס פון שטוב).

ר' יואל: ס'איז נישטאָ קיין אַנדערער פּלאַן, ווי נור צו ענטלויפען אין דער וועלט אַריין און צו לערנען גאָט'ס תורה... אוי, אוי, רבונו של עולם!... (פערלעגט דעם קיטעל אויף דער טהיר און געהט לאַנגזאַם אַוועק דורך דער אַנדערער טהיר אין שענק אַריין).

פיערטעס בילד.

אַ חברה (ביי לייבישען אין שטוב, וואו ער הערט זיך אַרום זייטיג, זינגען):

בין איך געווען אַ קליינער „יאַט“,
האָב איך נישט געוואָלט געהן אין חדר —
מיין ערשטער „פּאַטשאַנטיק“,
איז אַ גאַלחישער זייגער.

אוי, כ'וועל נישט גנבה'נען,
נור נעהמען, נור נעהמען —
אוי, כ'וועל נישט גנבה'נען,
נור נעהמען, נור נעהמען.

בין איך געווען אַ קליינער „יאַט“,
האָב איך נישט געוואָלט פאָלגען דעם טאַטען,
הײַנט זיץ איך אין קיטשעמענט,
און קוק אַרויס דורך די קראַטען.

אוי, כ'וועל נישט א. אז. וו.

צירעלע (קומט אַריין, בלייבט שטעהן אַ ביסעלע דערשראָקען ביי דער טהיר).

לייביש: חברה, שאַ, שאַ. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין געבעטשעריי? (אַלע בלייבען שטיל). קומט אַהער, צירעלע.

צירעלע (געהט אַרויף אַ ביסעל ווייטער, בלייבט שטעהן אין דער מיט; שטאַרק טראַגענדיג עפּיס פערשטעקט אונטער דער פאַטשיילע): נו, לייביש, איך בין געקומען...

לייביש: גאַנץ וואויל. איהר האָט די לייטער?

צירעלע: אָבער מיט וועמען האָב איך צו טוהן, לייב

פּישׁ־לוּ? צי מיט חיה, צי מיט פלעדערמויזען, צי מיט כּוחים וועמען?...

לייביש: מיט מיר.

צירעלע: און וואָס וועט פלעדערמויז זאָגען — דערנאָך וועט ער מיך ווייטער מאָהנען?

לייביש: האָט נישט קיין מורא, צירעלע, אַז מען זאָגט אייך אַזוי—איז אַזוי!

צירעלע: נו, אָט האָב איך די לייכטער — גיב מיר צוריק מיינע זאַכען (ווייזט איהם אויף די לייכטער ביי זיך אונטער דער פאַטשיילע).

לייביש: אָט ליגען אייערע זאַכען; עס האָט זיי נאָך אַפילו קיינער נישט אָנגערירט נאָך אייער מאַנ'ס אַוועקגעהן פון האַנען.

צירעלע: נו, איך ווייס נישט, אין דען נישט, אַז דו וועסט נישט פערלאַנגען מיינס (געהט צו צום טיש, בעקוקט די זאַכען). גוט, דאָס איז עס. דאָ איז שוין אַלץ?

לייביש: איך ווייס נישט, צעהלט אייך איבער, אפשר פעהלט אייך עפּעס...

בערקע: צירעלע, וואָס איז דאָס? צי איהר מיינט, ווייל איהר זענט ביי „בלאָטע" אין שטוב?

צירעלע: ניין, ניין, קינד־לעב... איך בין דאָך אייך חלילה נישט חושד. איך פרעג מיך נור גלאַט צי דאָ איז שוין אַלץ — מחמת דער קאָפּ איז מיר אַזוי פערמישט, אַז איך געדענק נישט וואָס יואל האָט דאָ אַלץ איבערגעלאָזט.

בערקע: נו, זאָגט מען דאָך אייך, אַז דאָ איז שוין דאָ אַלץ.

פלעדערמויז (אָן אַ זייט): אַ רוח אין איהר...

לייביש: קומט אַהער, צירעלע. — איהר זעהט, אָ, אַזוי ווי דאָס פּעקעל ליגט, אַזוי האָט עס נאָך קיינער נישט אָנגערירט, צי איהר גלויבט מיר, צי נישט?

צירעלע: שוין, איך זעה דאָך שוין, אַז דאָ איז אַלץ.

נור, לייבישל, ביי וועמען האָב איך צו מאָהנען די דריי רובל, וואָס איך האָב געגעבן פֿלעדערמויזען?

לייביש (חאַפּט אַרויס דעם בייטל פֿון קעשענע): ביי מיר, אַלץ ביי מיר. (גיט איהר דריי רובל אין דער האַנד אַריין).

צירעלע: שאַ־ווַשע נור — און דעם מאַנ׳ס שטיוועל? איך האָב צוריק געברענגט די פּאַנטאָפּעל.

לייביש: גוט. פֿלעדערמויז, אַט האָסט דו צוריק דיינע פּאַנטאָפּעל. און איהר, חברה, שטעהט נור אויף פֿון דער באַנק (איינינע שטעלען זיך אויף, לייביש שאַרט אַהער אַ פּאָר שטיוועל). אַט האָט איהר, צירעלע...

צירעלע: נאַ דיר די לייכטער (האַלט זיי נאָך אַ וויילע), וועמען דאַרף איך זיי געבען, צו דיר, צו פֿלעדערמויזען?

לייביש: צירעל, איך האָב דאָך שוין אייך געזאָגט; גיט אַהער די לייכטער, וואָס פֿערדרעהט איהר אַ קאָפּ, וואָס איז די נפֿקא־מינה?

צירעלע (שטעקט זיי איהם אין דער האַנד אַריין): אום הונ־דערט יאָהר זאָלסט דו לעבען — איך זאָג טאַקי, אַז חברה פֿערלאָזען זיך מיט אַלץ אויף דיר... אַן ערליכע האַנט, זאָג איך, געהט איבער׳ן גאַנצען לאַנד. (קלויבט צונויף איהרע זאַכען).

לייביש: נו, האָט איהר שוין, צירעלע, אַלצדינג? נישט דאָ שוין קיין שום פּרעטענזיע?

צירעלע: ניין, גאָר נישט, לייבישי. אודאי ווייס איך, אַז דו ביזט חלילה נישט קיין אַנדערער.

לייביש: איך וועל קיינעמס נישט פֿערלאַנגען. געהט און געהט.

צירעלע: מילא, אַ גוטען טאָג. זאָל גאָט געבען בעסערע געשעפֿטען.

לייביש: אמן, הלואי, און אייך אויך...

צירעלע: מילא, איך מיין טאַקי און מיר אויך... דערווייל אָבער, דאָ, האָב איך נישט געמאַכט קיין גוט געשעפֿט. נור, מילא, עס איז דאָך שוין פֿערפֿאַלען... די וועלט זאָגט אַ וואָרט: מיט

װעלכען די גיסט דיך אָב — מיט װעלכען בלײבסט דו... אודאי, װען נישט פּלעדערמױז, נור דו, פֿערקױפֿסט מיר, װאָלט שױן צו דעם אַלעם נישט געקומען... און האַדורך זאָג איך דאָך, אַז אַנ׳ערליכע האַנד געהט איבער׳ן גאַנצען לאַנד... און דו װאָלסט דאָך שױן דײן װאָרט נישט צוריק געדרעהט.

לײביש: נו, יאָ, נו. װאָס קומט אָבער הערױס...

צירעלע: װאָס, לײבישלו, זאָגסט דו, אַז װאָס קומט אָבער הערױס?...

לײביש: גאָרנישט. איך מײן, אַז ס׳איז שױן גאָרנישט דאָ אַצינד װאָס צו שמועסען, װײל די לײכטער, אַבי איהר האָט זײ שױן אָבגעברענגט — אָבער װײטער, האָב איך אײך געװאָלט פֿרעגען עפּיס אַנדערש... נור זאָל עס געהן! — —

צירעלע: װאָס, װאָס אַ שטײגער, זאָג, לײבישלו.

לײביש: אַ גײל שטײגער, װען איהר, צירעלע, זענט דער גנב און איך — דער פּאַטער; נו, װאָלט איך געהאַט אַ יהתית בײ אײך צו צונעהמען פֿאַר חײ רובל אַ פּאָר זילבערנע לײכטער?

צירעלע: נו, זאָלסט מיר לעבען, לײביש; אַ חילוק, אַז װען דו װאָלסט צו מיר אַרײנגעקומען, ס׳הײסט, אַזאַ גײל שטײגער מענש, װי דו, װי אַזױ איך װאָלט איהם בעהאַנדעלט, צו װען פּלעדערמױז קומט צו מיר אַרײן...

לײביש: דאַ?

פּלעדערמױז: און װאָס בין איך? — און װאָס זענען מײנע „שטעהערס״, נישט קײן „שטעהערס״ — איהר מײנט, אַז בײ מיר געהט דאָס צו פּוים?

לײביש: נו, שױן, גענוג געשטענה׳ט. געהט שױן, צירעלע, געזונדערהײט. איהר האָט שױן אַלץ. — געהט און זאָגט אַ גוטען טאָג.

צירעלע: אַ גוטען טאָג.

אַלע: אַ גוט יאָהר.

צירעלע (אָבגעהענדיג אַ שטיקעלע צו דער טהיר, בלײבט צוריק שטעהן): אָבער און װאָס געהט עס, לײביש — און דעם, װאָס איך האָב זײ צו בילינג געקױפֿט?

ליבּיש: ניין, עס געהט שוין אַצינד אין גאָרנישט. געהט, געהט, צירעלע, און האָט מיר אַ גוטען טאָג.

צירעלע: מילא, זאָל איך גאָט געבּען בּעסערע געשעפטען. נאָר פלעדערמויזען לאָז איך שוין צו מיר אויף דער שוועל נישט אַרויף. זאָלסט נישט הערוועגען צו קומען — הערסט, פלעדערמויז, ווי חזיר איז דיר אסור... האָט מיר אַ גוטען טאָג, קינדערלעך.

לאה (קומט אַריין, סאַפּעט אַ בּיסעל פון שווערען גאַנג): גוט מאָרגען!

ליבּיש: גוט יאָהר.

צירעלע (בּלייבּט אַ בּיסעל דערשראָקען, קומט אָבּער בּאַלד צו-זיך. בּיידע ווייבּער קוקען זיך אָן): אָ, לאה'שי, וואָס טהוט איהר דאָ?

לאה: גאָרנישט; איך בּין געקומען נאָך עפּיס געוואָהר ווערען... און וואָס טהוט איהר דאָ, צירעלשי?

צירעלע: אויך גאָרנישט; איך בּין געקומען נאָך עפּיס אַנדערש... הערט איהר, מיין מאַן האָט דעם פרייטאָג אויסגעטוישט די שטיוועל אין מרחץ אויף אַ פּאָר פּאַנטאָפּעל, צו מען האָט זיי איהם אויסגעטוישט... מילא, דאָס איז דאָך שוין נישט קיין נפקא-מינה... דערווייל בּין איך געוואָהר געוואָרען, אַז די שטיוועל האָט מען טאַקי דאָ הינען פערטוישט... (שלעפּט אַרויס די שטיוועל פון פּעקיל און ווייזט דאָ איהר).

חברה (ווינקען צו לאה'ן, אַז זי זאָל איהר גוט געבּען).

לאה: אוי, וועה מיר, וואָס פאַר אַ וואוילע שטיוועל דאָס זענען... און וואָס נאָך טראָגט איהר דאָ?...

צירעלע: עה, דאָס איז גלאַט אַזוי...

לאה: אַזוי... און דו ווייסט, צירעלשי, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט? — מען האָט דאָך מיר דעם שבת אַרויסגענומען די לייכטער פון מיין שטוב...

צירעלע: אָמ—מ— יאָ... נישט געשעהען זאָל עס. ה' ישמרנו... ווי אַזוי?

לאה: סטייטש, די דיענסט האָט צוגערומט די שטוב, זי

איז געשטאַנען אויסגעדרעהט מיט'ן פּנים צו די בעטען און דאָ איז האָב פֿענסטער געוועזען אָפען, האָט מען אַריינגעשטעקט די האַנד...

צירעלע (טהוט אַזש אַ שפּרונג אָב): און אַרויסגענומען! —

לאה: יאָ...

צירעלע: נו, וואָס מען לייגט זיך אָן פֿון די דינסטען.

חברה (קנייפּען זיך פֿאַר געלעכטער).

לייביש: צירעלע, אפשר וועט שוין זיין גענוג.

צירעלע: יעה נאר, לייביש, וואָס דו ביזט! — אַ מענש איז געשעהען אַזאַ שאַדען, לאָמיך איהר חאָטש אויסרעדען מיט עטליכע גוטע ווערטער.

לייביש: נו, רעד שוין; נו, רעד שוין.

פּלעהערמויז און בערקע: יאָ, יאָ, צירעלע, רעדט, רעדט...

צירעלע: נו, וואו-זשע האָבען מיר געהאַלטען — יאָ, ענט-קעגען דעם, וואָס מען האָט איך בדלות געשטעלט, וואָס זאָל איך זאָגען, לאה קרוין — עס האָט זיך געמאַכט אין שטאָדט אַ ביטער יקרות אויף עסענוואַרג און די פֿערדיענסטען זענען קליין, און מענשען דאַרפֿען דאָך צו לעבען — איז, גלויבט מיר, אַז עס קאָן זיין, אַז נישט פֿאַר איבער-מוטה האָט דאָס יענער געטהון, וואָס האָט איך בעגנבה'ט די לייכטער. וואָרום, וועה איז שוין צו דעם, וואָס דאַרף געהן גנבע'נען.

חברה (שטיל): אַז וועה און ווינד זאָל דיר שוין זיין.

צירעלע: און אפשר, זאָג איך, האָט עס יענער געטהון, נור כדי די נשמה צו דערהאַלטען.

חברה (אין דער שטיל): אַז אַרויספליהען זאָל זי דיר שוין איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל.

צירעלע: ווייטער, וואָס קאָן איך איך זאָגען? — אַז עס איז אַ שטאָדט מיט אָרעמע לייט, מען געדט-אויס פֿאַר הוחק. אָט בין איך היינט געגאַנגען פֿאַר אַן אָרעמער כלה נאָך אַ נדבה: דאָס מיידעל האָט שוין געביך אידאי אַ דרייסיגער, און אפשר נאָך מעהר —

שוין גאָר אַ שטאַרקען הדייסגער! און עס איז אַזאַ גאָטס רחמנות און אַזאַ מצוה, איהר שוין צו־צודעקען דעם קאָפּ, אַז, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, לאה קרוין, אַז ווער עס האָט אַ גראָשען געגעבען, דער האָט זיך געקויפט יענע וועלט.

לאה: מילא, וואָס דען, עס פעהלט צרות אויף דער וועלט.

צירעלע: יאָ, איז ענטקעגען־וואָס האָב איך עס דאָ געזאָלט זאָגען? יאָ — ענטקעגען־דעם, וואָס עס פעהלט נישט קיין צרות אויף דער וועלט. און איהר זענט נישט חלילה אײנע ביי גאָט. אללא גאָט האָט אייך הײנט מיט איין האַנד אַ בּיסעלע געשטראָפט, כ'איז אייך געשעהען אַ גניבה, וועט ער אייך מסתמא מיט דער אַנדערער האַנד צוריק היילען. — און ס'איז נישט־קשה, גאָט קאָן אייך אומקעהרען פאַר אייער שאָדען, מיט פּראָצענט, נאָך זיבען מאָל אַזוי פיעל — כפל כפלים און שבע שבעתים... פאָלגט מיך, לאה'שי קרוין, און נעהמט אייך נישט צום האַרץ.

לאה: מילא, כ'איז דאָך שוין אַ פערפאַלענע זאַך... מילא האָבט די געהערט, ווער עס האָט זיי אָנגעקריגען האַלט זיי דאָך שוין...

צירעלע: יאָ, יאָ, אָט אַזוי האָב איך אַ הנאה פון אייך — און נור נעהמט אייך נישט צום האַרץ — — נו שוין! האָט מיר אַ גוטען טאָג, קינדערלעך; און איהר, לאה'שי, אויך... נור די, פלעדערמויז, זאָלסט דו געדענקען שוין, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט, אַז די זאָלסט שוין אויף מיין שוועל נישט קומען...

פלעדערמויז: גוט, גוט.

צירעלע (צו לאה'ן): ער ווייסט שוין פאַרוואָס — פאַר מיין מאַמ'ס שטיוועל פערבייטען. נו, אַ גוטען טאָג.

לייביש: אַ גוט יאָהר. (צירעלע קושט די מזוזה און געהט אַרויס. לייביש געהט ענטקעגען לאה'ן). נו, לאה, וואָס זאָגט איהר עפּיס גוטס (פיהרט זי צו צום טיש). אָט האָט איהר שוין די לייכטער (נעהמט זיי אַפּער פון הינטער'ן טיש).

לאה: הונדערט יאָהר זאָלסט די מיר לעבען. זעהסט דו שוין, לייבישי, אָבער אַז די ווילסט — קאָנסט דו!...

לײביש: דאָס האָט איהר צו פֿערדאַנקען צירעלען, װאָס זי איז דאָ ערשט געװען, אַנישט װאָלט איהר געמוזט קריכען נאָך־אַ־מאָל צו מיר אויף די טרעפּ.

לאה: פֿאַר־װאָס־זשע דאָס צירעלען?

לײביש: עס גײט שוין אַזױ אײנאײנעם אַרײן, װײל זי האָט אָבגענומען דעם מאַנ'ס שטיװעל, דאַדורך קריגט איהר שוין אויך אָב...

לאה: אַזױ, לײבישלו, דו גיסט אָב כסדר יעדערען... זאָל איך מיר שוין טאַקי אַזאַ יאָהר האָבען, װי פֿײן דאָס איז... װאָלסט דו נור געװען אַ ביסעל אַ בעסערער שכן — כ'מײן, זאָלסט באַלד נישט טרעפֿען...

לײביש: נו, נאָך־אַ־מאָל װעל איך שוין זײן אַ בעסערער — נור הערװײל, לאה'שי, זאָגט, װאָס האָט דאָ צו װערען?

לאה: נו, װאָס־זשע האָט דאָ צו װערען? — איך דאַרף צונעהמען די לײכטערס, האַ, זאָגסט דו?...

לײביש: יאָ, געװיס... און יענע מעשה?...

לאה: װאָס, מכח געלד, מײנסט דו?

לײביש: אַ, האַ...

לאה: נו, דו זאָגסט דאָך, אַז דו גיסט הײנט יעדערען אָב די זאַכען, האָסט דאָך צירעלע'ן, דאַכט זיך מיר, אויך אַװעקגעגעבען אַזױ....

לײביש: װי אַזױ?...

לאה: איך מײן, אַז דו געהמסט דאָך הײנט נישט קײן געלד...

לײביש: מען האָט דאָס אַ שװאַרצע העזה! (גײט אַװעק בײז איבער דער שטוב).

חברה: זעהסט, גיב איהר שוין גאָר אומזיסט...

לאה (הײבט מיט די פּלײצעס, קוקט נאָך לײבישען, קריכט איהם נאָך): נו, װיפֿיעל־זשע װילסט דו?

לײביש: דאָס קאָסט פּופֿצעהן רובל.

לאה: אַ בראָך איז מיר נישט געשעהען; װי הײבט, לײביש?

לייביש: אזוי הייסט עס. און אז איהר וועט נישט געבען צעהן — הייסט איהר זיי נישט אן צו נעהמען.

חברה: וואס לאזט ער עפּיס אזוי געשווינד נאך.

לאה (צו דער חברה): שאַט, שאַט, אַ גוט יאָהר אויף אייך.

לייביש: לאה, וואס מאַכט איהר עפּיס פאַר אַ געשעפטען מיט מיר — איהר האָט צו געבען צעהן רובל; אַז נישט — זאָלען זיי שטעהן און זאָלען זיי פערפוילט ווערען, און איהר קוקט זיי שוין מעהר נישט אָן. פלעהערמויז, וויַז נור אַהער אַ האַק — איך צוהאַק זיי אויף שטיקלעך; אויף בראָך זאָלען זיי ביי מיר ליגען, ווע־לען זיי אויך ווערטה זיין האָס געלד.

פלעהערמויז (שפּרינגט אונטער'ן אויווען ברענגט אַפּער אַ האַק): נאַ, לייביש.

לאה: סטייטש, לייבישלו, נאַ דיר צעהן רובל, יוד־קרוין, וואס געהסט די טהון?

לייביש: אַהער געלד!

חברה: לאה, גיט נור די פּאָר גראָשען, גוט.

לאה (האַפּט געשווינד אַרויס אַ רויט צעהנער־קערבעל): נו, נאַ דיר, לייבישלו (לייביש וויל נעהמען, לאה ציהט צוריק די האַנד). נו, גיב־זשע מיר פריהער די לייכטער.. (לייביש נעהמט זיי פון אונטער'ן טיש און גיט זיי איהר אַ לעג־אַריין אין פאַרטוך, לאה פערמאַכט זיך פריהער גוט דאָס פאַרטוך). ערשט, נאַ דיר...

לייביש (צונעהמענדיג דאָס צעהנער־קערבעל): זעהט איהר שוין, איך וועל אייך יאָ געטרויען...

פלעהערמויז: און מיר אויף ביער, לאה; — וואָס בין איך אייער אומזיסטיגער משרת.

לאה: וואָס פאַר אַ משרת, וואָס פאַר אַ ביער?

פלעהערמויז: איך ווייס נישט — מיר קומט ביער; דאָס איז מיין פּשט, ווער עס קומט אויסלעזען... איך וועל נישט הייבען אומזיסט קיין לייכטער איבער'ן פענסטער אַריבער...

לאה: נו, וואָס זאָגט איהר נישט צו דעם יונג, איך האָב דיך ביטיג געדאַרפט פאַר אַ משרת, איך האָב עפּיס געשיקט נאָך דיר,

אַז דו זאָלסט מיר אַרויסהייבן די לייכטער איבערן פענסטער? נו, וואָס זאָגסטו ניט צו דעם, לייבישי?

לייביש: יאָ, עס קומט איהם... גיט איהם דאָרט עפּיס. אַ שטורך אונטער דער זייט... איהר ווייסט ניט, עס איז גלייכער... וואָס טויג עס אייך צו האָבען צו טהון דאָרט מיט אַזאַ פלעדערמויז, ער זאָל ווייטער האָבען אַנ'אויג אויף אייך....

לאה: נו, נו, מיינע צרות (נעהמט אַרויס עטליכע מטבעות פון קעשענע, גיט איהם). נאַ דיר שוין, נאַ...

בערקע: און אַז איהר ווילט האָבען, אַז די גאַנצע חברה זאָל שוין מעהר ניט האָבען קיין בייז האַרץ אויף אייך — לאָזט זיי אַלע איבער אַזוי איינאיינעם אַריין אויף אַ שנאַפּס.

לאה: געוואַלד-געשריגען, כ'וועל דאָך בדלות ווערען! חברה, איך האָב דאָך שוין אין אַלע מיינע יאָהרען, ווען מען זאָל צונויפלעגען אַלע יום-כפּורים'ס, ניט צוטיילט אַזוי פיעל געלד פאַר דער שוהל, וויפיעל איך דאַרף דאָ היינען צו צוטיילען. איהר וועט דאָך מיך בדלות שטעלען.

בערקע: נו, ווילט איהר ניט? (צו פלעדערמויזען), הייד גור אַהער די האַק...

לאה: לייבישלי, וואָס זאָגסטו ניט צו דעם?

לייביש: נו, גיט זיי עפּיס. איהר ווייסט ניט, לאה'שי, ווי מען זאָגט: ס'איז גלייכער צעהן גנבים, איידער איין שלאָג. דאָס איז דאָך אַ רוהיגע חברה, ס'איז ניט פאַר אייך מיט זיי אָנצוהויבען. אָט, ווי איהר קוקט אָן דעם — (ווייזט אויף בערקען), איז דאָס אַ ריינער מערדער... ער פערדרוקט גלייך אַ מעסער אין בויך אַריין...

לאה: נו, סטייטש — שאַ-זשע נור, פאַרוואָס?...

לייביש: און אָט אָדאָס (ווייזט אויף אַנ'אַנדערען) איז אַ ריינע קאַץ... ער טרעפט אַמאָל אַנ'איינציקעל ערגעץ אין אַ ווינקעל צו אין גאַס, און צוגראַבשט איהם, און האַקט איהם די אויגען און די זייטען אונטער. און מילא, פלעדערמויז — דאַרף איך דאָך שוין אייך ניט פערצעהלען...

לאה: הערה, ווערה מיין ביטער מזל... (נעהמט ארויס און טיילט יעדערען א פאר גראשען). נו, לאזט מיך שוין געהן! האט מיר אלע א גוטען טאג, קינדערלעך. נור, איך בעט אייך, פון היינט אן טשעפעט שוין נישט מיך. עס פעהלט דאך נישט קיין נאך אנ־דערע, אפשר נאך שענערע בעל־הבית׳טעס אין שטאדט פאר מיר — און זאל מיר זיין מזלדיגע יאהר האבען.

לייביש: געהט, געהט, עס וועט אייך שוין פון היינט אן גאר נישט פעהלען.. ווענען איך וועל פאקען ביי אייך גנבה׳נען, וועל איך איהם א פיס אונטערהאקען.

צירעלע (קומט אריינצוגעהן): קינדערלעך, כ׳האב דא נישט עפיס פערלוירען? (זוכט שטארק פערטיעפט אויף דער ערד). עפיס דאכט זיך מיר נור, אז איך האב דא עפיס אראבגעלאזט...

פלעדערמויז: וואס האט איהר דא עפיס אראבגעלאזט?

צירעלע: עה, גאר נישט... (שלאגט זיך אן מיט לאה׳ס פארטוך, גיט עס אזא געשווינדען טאפ ארויס). און וואס טראגט איהר דא, לאה׳שי?...

לאה: עה, גארנישט...

צירעלע: אויך גארנישט, אלץ גארנישט..

לאה: ניין...

צירעל: יא, און איהר ווייסט, וואס איך האב אייך נאך געוואלט עפיס זאגען: אז גאט קאן נאך העלפען, איהר זאלט נאך אפשר זיין לייכטער אבגעהמען...

פלעדערמויז (אין דער שטיל): און זיי נאך־א־מאל אנ־גרייטען פאר מיינט־וועגען...

לאה: מילא, הלואי...

צירעלע: אבער וואס זאגט איהר, אז נישט? אז גאט קאן נישט העלפען?

לאה: מילא, הלואי... דערווייל האט מיר א גוטען טאג. (געהט ארויס).

צירעלע: נו, הא, „שעלמארים״... פלעדערמויז, זאלסט מיר

שוין נישט אויף מיין שוהל קומען... דו הערסט, וואס איך זאג דיר אן...

פלעדערמויז: געדט, צירעלע, עס וועט שוין זיין ריכטיג...

לייביש: קעלבאס, וואס שמועסט דו שוין ווייטער עפּיס אויפ'ן וואונק?

צירעלע: זעה נור, וואס האסט דו שוין מורא, ווער שמועסט אויפ'ן וואונק? איך זאג נור אן פלעדערמויז'ען, אז ער זאל שוין מעהר אויף מיין שוהל נישט קומען... (געהט ארויס). א גוטען טאג!

לייביש: געדט, מאכט א לאקשען-קוגעל. (צו פלעדערמויזען) און דיך זאל א חאלירע פּאקין, אויב דו וועסט שוין נאך-א-מאל געהן אויף אזא ארט גנבה'נען.

פלעדערמויז און אלע נאך (מיט א געזאנג):

אוי, כ'וועל שוין נישט גנבה'נען,
נור נעהמען, נור נעהמען...

— — — — — —

בין איך געוועזען א קליינער „יאט",
האב איך נישט געוואלט פאלגען מיין ברודער:
איך בין ארויס פון „פּאוויאק",
איך גנבה שוין ווידער.

פּינטעלע ביילד.

(ביי ר׳ יואלן אין שטוב. שבת אין דער פֿריה. שבת דיג׳ אויפֿגערוימט, מיט פֿאָרהאַנגען פֿאַר ביידע פֿענסטער און איבער דער טהיר רעכטס, וואָס גערט אַריין אין שענק).

ר׳ יואל (זיצט ביים טיש פֿערטיעפֿט איבער אַן אָפֿענער גמרא, האַלט אַ רויטע פּאַטשיילע אויף דער שויס, וועלכע ער דערהויבט צייטענווייז צו דער נאָז, שנייצט אַריין און צושאָקעלט זיך): תא־שמע... יאָ־יאָ־יאָ... (ציהט לאַנג דעם טאָן. צוריק שטיל. פֿערשלאָפֿט).

צירעלע (שטעהט זיך אָן ביי דער אָפֿענער קליידער־שאַנק. צו דער דינסט): זעה נור, מיידעלי, וואָס פֿאַר אַ תל די מאַכסט מיר פֿון די מלבושים...

דינסט (בלייבט שטעהן מיט׳ן בעזים אין מיטען שטוב): ווער, איך, בעל־הביתטע?...

צירעלע: אַדאַי, מיט דיין קלייד אַריינהענגען צווישען מיינע; האָסט האָך אַ קויש דיין איינענס!...

דינסט: אין קויש שימעלט, בעל־הביתטע; ער שטעהט אין ווינקעל, ס׳איז ווילגאָטש...

צירעלע: נעהם דעקעל מיר צו...

דינסט (לאָזט דעם בעזים און שפּילעט איהר צו דאָס קלייד, דאָס קאַפּטאַנדעל): קיין עין־הרע, בעל־הביתטעשי... עס קאָן נישט צו...

צירעלע: האָסט ליימערנע הענד — — אַ בעסערען ציה! (צו יואלן). און דו געהסט נאָך נישט דאַווענען!

ר׳ יואל (וועקט זיך. האַפּט די פּאַטשיילע פֿון דער שויס, שנייצט אַריין): און אַ גלעזעל וואַרעמס?...

צירעלע: נו, ועהסט דאָך — — די מויד קאָן גאָר נישט אויסקומען מיט דער צייט! בעהיט זאָל מען ווערען, אַז זי נעהמט עפּיס צו טהון...

דינסט: געהן ערשט צום בעקער?

צירעלע: יאָ, יאָ.

דינסט (נעהמט אַ טוך אויפ׳ן קאָפּ, געהט אַרויס).

פלעהערמויז (קומט אריין, דאס היטעל שטארק אראבגע־רוקט איבער די אויגען, טראגט עפּיס אונטער דער מאנארקע, צו־האלטענדיג זיך הינטער'ן בוזים).

ר' יואל (הערנדיג איהם, שטארק אויפגעבריזט): אמר חיש לקיש... האט ריש לקיש געזאגט...

צירעלע: ווארט נור, ווארט, יואל... פלעדערמויז האט עפּיס געדארפט, מוז זיין...

ר' יואל: געוואלד, צירעלע, בטול תורה! יא־יא־יא — כדתני...

פלעהערמויז (נעהמט אפּער א פּאר לייכטער): א פּאר שטע—ה—ע—רס! — —

ר' יואל (נישט אוועקנעהמענדיג די אויגען פון דער גמרא): געוואלד, איך האלט עס נישט אויס!... (שאקעלט זיך שטארקער, פערטיעפטער). שוין ווייטער די אייגענע...

צירעלע: נו, וואס־זשע ווילסט דו, אז שוין ווייטער די אייגענע?...

ר' יואל: געוואלד, איך וועל ענטלויפען פון שטוב...

צירעלע: נו, לויף...

ר' יואל: יא־יא־יא... כדמתניתא... ווי אויבען האט שוין די משנה געזאגט... ס'הייסט ווייטער דאס אייגענע...

צירעלע: נו, איז וואס־זשע? אבי דו, יואל, זיצסט און לערנסט... קום־זשע, פלעדערמויז'שי, אריין דארט אהין, לאמיר איהם דא נישט שטערען... (ציהט איהם ביי אנארבעל הינטער דער טהיר אהינטער, וואס געהט אין שענק אריין). די זעהסט, ווי מיין יואל זיצט און לערנט... אט אזוי איז זיין שטייגער, נור צו קלינגען מיט דער גמרא....

פלעדערמויז: נו, צירעלע, וואו שלעפּט איהר מיך?...

צירעלע: דארט אהין, דארט אהין... (פערשווינדט מיט איהם הינטער דער פארהאנג, וואס איז איבער דער טהיר).

ר' יואל (נאך אלץ שאקלענדיג זיך, אבער שוין אביסעל רוהיגער און ווישענדיג זיך מיט די הענד איבער דער שוויס): יא־יא־יא — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —